## פרשת ויגש א׳ – ז׳ טבת תש״פ לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויגש***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט״א** ליוניאן סיטי ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר״ר **מענדל שליסל** הי״ו.

בשעות הערב (ליל זאת חנוכה) הדליק **רבינו שליט״א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי.

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל חתנו **הרה״ג רבי אהרן ישעי׳ ראזנער שליט״א** דומ״ץ סאמבאטהעלי שישב שבעה על פטירת אחיו הב׳ **ישראל מנחם ראזנער** ז״ל.

*

***יום שני פרשת ויגש***

בשעות לפני הצהרים הגיע **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת וויינבערגער שיחי׳, שישבו שבעה על פטירת אמם ע״ה (אשת הר״ר **מאיר וויינבערגער** הי״ו).

בשעות הצהרים ערך **רבינו שליט״א** סעודת זאת חנוכה, ביחד עם תלמידי הישיבה, בבית מדרשנו הגדול בוויליאמסבורג. אחר ששרו ניגוני חנוכה וניגוני התעוררות, נשמעו דברי תורה מאת הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט״א (ר״מ בישיבה גדולה), ומאת הרב **מענדל פרענקל** שליט״א (ר״מ בישיבה קטנה). אחר כך השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש. בסיום הסעודה חילק **רבינו שליט״א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין **בני יששכר** (כסלו ב-ח) אז חנוכה איז מאיר דער אור הגנוז. עס איז דא א אור וואס דער אייבערשטער האט באהאלטן ביי די בריאה, און די ליכטיגקייט איז מאיר אין חנוכה. וואס מיינט דער אור הגנוז? און וואס מיינט אז עס איז מאיר אין חנוכה? און וואס איז עס נוגע פאר אונז?

**מען** ווייסט אז די יונים האבן זיך פארלייגט אוועקצונעמען יודען פון תורה, להשכיחם תורתך, זיי זאלן פארגעסן דאס לערנען, ולהעבירם מחוקי רצונך, און זיי זאלן נישט היטן קיין מצות. און עס איז געשעהן דער נס פון חנוכה, ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם. ווען עס איז געשעהן די נס פון חנוכה, און די חכמים האבן קובע געווען די מצוה פון הדלקת המנורה, האט מען נישט נאר צוריקגעשטעלט תורה צו וואס עס איז געווען ביז יעצט. מען האט געוואלט אוועקנעמען די תורה פון אונז, און מען האט אוועקגענומען דאס וואס האט אונז געשטערט, הסרת המונע, און מען קען צוריק האלטן די תורה. נאר עס איז אויך צוגעקומען א נייע פרישע תורה, הלכות חנוכה, און וויפיל עס איז אלץ געזאגט געווארן אויף די ענין פון חנוכה. עס איז כמעט נישט דא נאך א מצוה וואס עס ווערט נתחדש פון יאר צו יאר אזויפיל חידושים און נאך נקודות אינעם נס, אזוי ווי די מצוה פון חנוכה. דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן פאר די חכמים אז זיי זאלן קובע זיין אכט טאג חנוכה, כדי עס זאל זיין א קשיא פארוואס אכט טאג, און די אלע קשיות וואס איז דא אין דעם, כדי עס זאל צוקומען דערצו א ים מיט תורה. עס איז נישט נאר אז זיי האבן נישט אויסגעפירט להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, נאר זיי האבן מוסיף געווען תורה. דאס וואס יודען האבן געהאט מסירת נפש, מען האט זיך אקעגנגעשטעלט, אונז גיי מיר נישט אוועקגיין פון די תורה, אונז גיי מיר זיך האלטן צו די תורה, נישט נאר אז דער אייבערשטער האט געגעבן, אז וואס מען האט געוואלט, אז די תורה זאל בלייבן, איז געבליבן, נאר עס איז צוגעקומען א פרישע אור אין די תורה הק׳, וואס איז נישט געווען פריער. עס איז צוגעקומען א נייע חלק אין תורה, דער גאנצער ענין פון חנוכה, איז צוגעקומען דורך די גזירה.

**די** מוסר השכל דערפון איז, אונז האב מיר נישט היינט קיין יונים ב״ה, וואס שטערן די תורה, א יוד קען האלטן די תורה אומגעשטערט אין ארבע כנפות הארץ ב״ה, עס איז נישט דא קיין פלאץ וואס מען קען נישט זיצען און לערנען און טון אלע מצות פון די תורה. אבער יעדער האט א אייגענע יווני אין זיך, וואס זוכט להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. די אלע טעכנאלאגיע וואס איז ארויסגעקומען אויף די וועלט, וואס דרינגט אריין אין אלע יודישע שטובער, וויסענשאפט שלא שערום אבותינו. דאס איז דער אייגענער יצר הרע, דער אל זר שבתוך האדם, דאס איז להשכיחם תורתך, ולהעבירם מחוקי רצונך.

**ווען** א יוד שטעלט זיך אקעגן, איך גיי זיך נישט לאזן, אזוי ווי מען האט זיך נישט געלאזט ביי די יונים. איז נישט נאר אז ער קען זיך האלטן צו די תורה, נאר עס קומט אריין א ברכה אין זיין תורה, שלא לפי ערך. אזוי ווי דעמאלטס איז געווען להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, און ווען עס איז געקומען די ישועה, איז עס נישט נאר געקומען אז עס האט זיך אויפגעהאלטן די תורה וואס מען האט געהאט, נאר עס איז צוגעקומען נייע הארות אין די תורה. אזוי איז אויך ביי יעדן יוד. טאמער א יוד האט א נסיון און ער איז זיך מתגבר דערויף, נישט נאר ער האט זיך מתגבר געווען, ער האט נישט עובר געווען די עבירה, ער האט נישט געטון וואס מען דארף נישט, נאר דער אייבערשטער באצאלט אים דערפאר, אז ער באקומט א הארה אין די תורה. א תוספות וואס ער האט נעכטען נישט פארשטאנען, וועט ער היינט פארשטיין. ווייל ווען א מענטש האט מסירת נפש אויף תורה, ווערט עס באצאלט פונעם אייבערשטען אז עס קומט אים אריין א הארה אין די תורה.

**עס** שטייט פון **רבי פנחס קאריצער זי"ע**, אז חנוכה צינדט מען זעקס און דרייסיג נרות, און עס איז אויך דא זעקס און דרייסיג מסכתות אין ש"ס. אזוי ווי די נרות חנוכה ווייזט אויף נר מצוה ותורה אור, און די תורה איז צוזאמגעשטעלט פון זעקס און דרייסיג מסכתות, איז אויך דא זעקס און דרייסיג נרות. חנוכה קומט צו א אור הגנוז, א אור וואס דער אייבערשטער האט גונז געווען אין די תורה, אז מען איז נישט סתם זוכה צו תורה, נאר יעדער איינער קען צוקומען צו אזא מדריגה אז עס זאל ביי אים נתחדש ווערן נאך חלקים אין די תורה. עס זאל צוקומען א באהאלטענע ווארט וואס עס איז נישט געווען ביז יעצט.

*

**די** גמרא (חגיגה יב.) זאגט, אז דעם ערשטן טאג פון די בריאה האט דער אייבערשטער באשאפן ליכטיגקייט, וירא אלקים את האור כי טוב (בראשית א-ד), און מיט דעם אור האט א מענטש געקענט זעהן מסוף העולם ועד סופו. ער האט געקענט אדורך זעהן די גאנצע וועלט, פון איין עק ביז די אנדערע עק. און דער אייבערשטער האט געזעהן אז עס גייט זיין רשעים אויף די וועלט, וואס זענען נישט כדאי צו אזא אור, עמד וגנזו, האט דער אייבערשטער גענומען די גרויסע ליכטיגקייט און ער האט עס באהאלטן, לצדיקים לעתיד לבוא, פאר צדיקים אויף יענע וועלט. דאס איז דער פשוטער פשט.

**אין זרע קודש** (פרשת חוקת) איז צוגעברענגט פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך זי"ע**, אז 'צדיקים לעתיד לבוא' מיינט נישט אז ער האט עס גונז געווען פאר די צדיקים אויף יענע וועלט. נאר ער האט עס גונז געווען פאר די צדיקים וואס זענען עתידים לבוא אויף די וועלט, וואס עמד ושתלן בכל דור ודור (יומא לח:), דער אייבערשטער האט שותל געווען צדיקים אין יעדן דור. דער אייבערשטער האט באהאלטן די ליכטיגע אור וואס עס איז געווען דעמאלטס, פאר די צדיקים לעתיד לבוא, פאר די וואס וועלן קומען שפעטער אויף די וועלט, זיי זאלן קענען נהנה זיין פון דעם ליכטיגן אור. פון **בעל שם טוב הק'** שטייט, עמד וגנזו, וואו האט ער עס באהאלטן, ער האט עס באהאלטן אין די תורה, דארטן ליגט באהאלטן דער אור הגנוז. צדיקים וואס האבן געזעהן מסוף העולם ועד סופו, האבן גענומען דעם רוח הקודש פון די תורה הק', וואס דארט איז באהאלטן דער אור הגנוז.

**וואס** איז דער ענין אז מיט דעם אור הגנוז האט מען געזען מסוף העולם ועד סופו. עס קען נישט זיין דער פשט כפשוטו, אז ווען עס איז טונקל זעהט א מענטש נאר איין גאס, און ווען עס איז ליכטיגער, זעהט ער צוויי גאסן, און ער זאגט אז עס איז געווען אזוי ליכטיג, אז מען האט געקענט זעהן פון דא ביז ארץ ישראל. ווייל די וועלט איז רינדעכיג, ווען מען שטייט אויף איין זייט פון א באל, קען מען נאר זעהן א האלבע באל, מען קען נישט זעהן די גאנצע. ווי אזוי זאגט מען אויף די וועלט, אז מען האט געקענט זעהן מסוף העולם ועד סופו. מיט די עיני הגשמי איז נישט קיין מציאות אז מען זאל קענען זעהן א רינדיכיגע זאך מסוף העולם ועד סופו, עס איז דאך דא דער גשמיות וואס איז מפסיק אינדערמיט. אין הייליגע ספרים שטייט, אז מען האט געקענט זעהן א געוויסע רוחניות'דיגע ראיה מסוף העולם ועד סופו (עיין **שם משמואל** פ' תצוה תרע"ג).

**אין** הייליגע ספרים שטייט, די וועלט ווערט אנגערופן עולם. פארוואס הייסט עס עולם, עולם איז א לשון העלם, באהאלטן. ווען דער

אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן די וועלט מיט א דיבור פונעם אייבערשטען. לעולם ה' דברך נצב בשמים (תהלים קיט-פט), די ערד זאל זיין ערד, די פירות פירות. אין יעדע זאך איז דא א חלק אלקית פונעם אייבערשטן וואס דאס איז עס מחיה, דאס האלט עס. עס איז נאר מלובש אין עניני גשמיות וואס עס איז דא דערויף, מען רופט עס א לבוש אויף דער כח אלקי וואס האלט אלעס.

**עס** איז דא א ווארט פון פריערדיגע, די משנה (אבות ה-א) זאגט, בעשרה מאמרות נברא העולם. און די משנה פרעגט, והלא במאמר אחד יכול להבראות, פארוואס דארף מען צעהן, מען קען מיט איין מאמר אויך באשאפן די גאצע וועלט. אלא להפרע מרשעים וואס זענען מאבד א וועלט וואס ליגט דערין עשרה מאמרות. און די קשיא איז זייער אפען, ווען א מענטש ארבעט, ער קען מאכן די כלי אין א שעה, און ער ארבעט צען שעה, און מען איז מאבד יעצט די כלי, דארף מען נישט באצאלן פאר ארבייט פון צען שעה, ווייל דער כלי וואלט מען געקענט מאכן אין איין שעה. אויב דער אייבערשטער האט געקענט באשאפן די וועלט מיט איין מאמר, וואס איז פשט כדי להפרע מרשעים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות, די זעלבע בריאה האט דאך דער אייבערשטער געקענט באשאפן מיט איין מאמר.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער עס באשאפן אויף אזא וועג עס זאל זיין א גשמיות'דיגע וועלט, און מען זאל נישט דערקענען דערפון אז עס איז דא א בורא עולם, אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט, עס איז דא א באשעפער וואס גיט חיות פאר די וועלט. אלעס איז ארומגענומען מיט א כח אלקי, אבער עס איז פארדעקט. 'עולם' איז א לשון פון העלם, עס איז פארדעקט, אז מען זאל עס נישט זעהן. ווייל טאמער מען וואלט געזעהן אין יעדע זאך דעם חלק אלקי וואס עס איז דא דערין, וואלט נישט געווען כמעט קיין מעגליכקייט א מענטש זאל האבן א בחירה צו זינדיגן, מען זעהט דאך דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען. ווען עס וואלט אינטערעסירט פאר א מענטש ווי אזוי ער לעבט, אז עס איז דא א כח אלקי וואס גיט חיות. ווען ער וואלט עס געוואוסט, און געזעהן מיט די אויגן, אז דער באשעפער איז דער וואס גיט דיר דיין חיות, וואלסטו נישט געזינדיגט אקעגן דעם מלך.

**האט** דער אייבערשטער באשאפן די וועלט עס זאל זיין פארדעקט מיט א לבוש. נאך א בגד, נאך א בגד, מען זאל נישט ארויסזעהן די געטליכקייט פון די וועלט. און פון די אנדערע זייט האט דער אייבערשטער נישט געמאכט אז מען זאל עס אינגאנצען נישט קענען זעהן, דער אייבערשטער גיט נישט א נסיון, ער וועט נישט האבן א בחירה אויף די אנדערע זייט. דער באשעפער האט אויסגעשטעלט א וועלט, אז ווער עס וויל האט א מעגליכקייט נישט צו זעהן, און ווער עס וויל, זעהט אין די וועלט די השגחה פרטית פונעם אייבערשטען. ער זעהט אין די וועלט אליין דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען. ווייל דער אייבערשטער האט מלבוש געווען די וועלט, עס זאל נישט זיין צו גרויס די גשמיות, און עס זאל נישט זיין צו גרויס די רוחניות, עס זאל זיין ממוצע אז דער מענטש זאל קענען האבן א בחירה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז א בגד ווערט אנגערופן בלשון אימרא (עיין תרגום איכה ב-יז). בעשרה מאמרות נברא העולם, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, דעם עולם, ער האט עס ארומגענומען מיט איין בגד און נאך א בגד, עס זאל נישט ארויסקומען די געטליכקייט דערפון, ביז עשרה מאמרות דארטן האט זיך עס אפגעשטעלט. יעצט איז די וועלט פונקליך אזויפיל, אז מען זאל קענען האבן די ריכטיגע בחירה. דער וואס וויל נישט זעהן וועט נישט זעהן, דער וואס וויל זעהן וועט עס יא קענען זעהן.

**פרעגט** מען פארוואס האט דער אייבערשטער געדארפט מאכן אזא הסתר, והלא במאמר אחד יכול להבראות, ער האט געקענט מאכן איין העלמה, פארוואס האט מען געדארפט אזויפיל דעקן. כדי להפרע מרשעים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות, ווען די וועלט וואלט נאר געווען מיט איין העלם, עס וואלט נישט געווען אינגאנצען פארהוילען די געטליכקייט, וואלט נישט געווען געגוג אז מען זאל קענען באצאלן פאר דעם רשע וואס ער זינדיגט. דו זעהסט אזוי אפן דעם אלקית וואס איז דא אין די

וועלט, און דו זינדיגסט? וואלט דער עונש געווען זייער גרויס. האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, אז דער מענטש זאל האבן די בחירה אזוי צו אזוי, און דורכדעם להפרע מרשעים, זיך אפצורעכענען פון רשעים, וואס זיי זענען מאבד די וועלט שנברא בעשרה מאמרות.

**מען** געפונט אין די גמרא (חגיגה יב.), אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט זיך די וועלט צושפרייט אזוי ווי שתי פקעיות של שתי, אזוי ווי א גרויסע באל וואס מען מאכט עס אויף. ביז דער אייבערשטער האט גיזאגט די, עס איז גענוג, די וועלט זאל נישט זיין גרעסער. וועגן דעם איז דער אייבערשטערנ'ס נאמען שד"י, שאמר לעולמי די, ווען די וועלט האט זיך צושפרייט, האט דער אייבערשטער געזאגט די, עס איז גענוג. לויט דעם איז דער פשט, דער אייבערשטער האט געזאגט עס זאל ווערן א וועלט, און עס זאל זיין פארהוילן דאס געטליכקייט, האט די וועלט אנגעהויבן זיך צושפרייטן, עס איז שוין געווארן אזוי גרויס אז מען האט טאקע נישט געזעהן דאס געטליכקייט פונעם אייבערשטען. אבער דאס איז דאך אויך נישט גוט, ווייל דעמאלטס וועט דאך אפילו א ערליכער יוד אויך נישט קענען זעהן די גדלות פונעם אייבערשטען. אמר לעולמו די, יעצט איז עס גענוג, דאס איז די ריכטיגע מאס, דער אייבערשטער האט עס אפגעשטעלט מען זאל נישט קענען זעהן מער פון וואס מען דארף, און יעדער ערליכער איד דארף זיך אויסקלויבן די ריכטיגע וועג.

**דער** אור וואס דער אייבערשטער האט באשאפן דעם ערשטען טאג פון די בריאה, איז געווען אזא ליכטיגקייט אויף די וועלט, אז מען האט געקענט אדורכזעהן מסוף העולם ועד סופו, פון איין עק העולם, ביז די אנדערע עק העלם, אז דא איז דא א אור פונעם אייבערשטען, דא איז דא א ליכטיגקייט וואס איז מחיה די וועלט. אלעס וואס אונז האב מיר, איז פונעם אייבערשטען, און דער אייבערשטער פירט אלעס. אזא געוואלדיגע אור איז געווען ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. און מיט דעם אור וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, האט מען געקענט זעהן מסוף העולם ועד סופו, אלע העלמות האט מען געקענט אדורכקוקן מיט דעם.

**דער** אייבערשטער האט געזעהן, אז עס וועלן זיין רשעים וואס מיט דעם אלעם וועלן זיי זינדיגען, זיי וועלן זיך נאכגעבן זייערע תאוות, און עס וועט נישט זיין גענוג אז מען זאל זיי קענען געבן א שטראף. דו האסט געהאט אזא אפענקייט און מעגליכקייט צו זעהן דאס געטליכקייט פונעם אייבערשטן אויף די וועלט, און דו האסט דאך געזינדיגט. איז דער אייבערשטער געגאנגען און ער האט גונז געווען דעם אור, עס זאל נישט זיין אזוי ליכטיג, מען זאל עס נישט זעהן, אבער ער האט עס גונז געווען לצדיקים לעתיד לבוא, אן ערליכער איד וואס לערנט, און ער פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, ער זעהט אין יעדן פרט דאס געטליכקייט פונעם אייבערשטן, אז עס איז דא א השגחה פונעם רבונו של עולם אויף יעדע זאך, עס איז נישט דא א זאך וואס געשעהט פון זיך אליין. יעדע זאך וואס עס פאסירט, ווייסט ער אז דאס איז פונעם אייבערשטען, און ער דאנקט דעם אייבערשטען אויף יעדע זאך וואס ער האט. און אפילו ווען ער האט עס נישט, דאנקט ער אויך דעם רבונו של עולם, ער זעהט אז די וועלט איז נישט קיין העלם'דיגע וועלט, עס איז א וועלט וואס איז מלא טוב פונעם אייבערשטן. דאס האט דער אייבערשטער גונז געווען לצדיקים לעתיד לבוא, אז די צדיקים אין יעדע דור זאלן עס קענען זעהן.

**וואו** האט ער עס גונז געווען? אין די תורה. אז מען זיצט און מען לערנט תורה, מען האט אויף זיך דעם אור פון תורה, תורה אור, תורה דאס טוט באלייכטן דעם מענטש צו וויסן אז עס איז דא א בורא עולם אויפן וועלט, עס איז דא א באשעפער וואס פירט די וועלט, אלעס איז מיט א השגחה פרטית. דאס טרעפט מען אין די תורה, אין די תורה איז באהאלטן דעם אור הגנוז, דער ערשטער אור, וואס א מענטש זאל קענען אדורכזעהן אלע העלמות, דאס האט דער אייבערשטער גונז געווען אין די תורה. דאס איז דער אור הגנוז, די ערשטע אור וואס דער אייבערשטער האט באשאפן וואס מאכט לעכטיג די אויגן פון א מענטש, ער זאל קענען אדורכזעהן אין אלע עניני גשמיים אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, דאס האט דער אייבערשטער גונז געווען אין די תורה.

**אזוי** ווי חנוכה איז דאך צוגעקומען א געוואלדיגע אור התורה, עס איז געווען להשכיחם תורתך

ולהעבירם מחוקי רצונך, און עס איז צוגעקומען א פרישע מצוה אין די תורה, מיט אלע ענינים און די אורות וואס חנוכה ברענגט מיט זיך מיט, איז דעמאלטס נתרבה געווארן דער אור הגנוז, אז עס איז צוגעקומען א חלק אין די תורה, איז צוגעקומען א אור וואס דער אייבערשטער האט באהאלטן אין די תורה, וואס פון דעם ווערט ליכטיג צו זעהן דאס געטליכקייט וואס איז דא אויף די וועלט.

**און** דאס ווערט נתעורר אין חנוכה, ווייל מיר האבן שוין געהאט גערעדט, אז דער **רמב"ן** (סוף פ' בא) זאגט, אז נסים וואס דער אייבערשטער טוט איז כדי מען זאל זעהן אז עס איז דא א בורא עולם אויף די וועלט. דורך די אלע נסים נגלים אדם מודה בנסים הנסתרים, וואס דאס איז נסים יעדן טאג, על נסיך שבכל יום עמנו, ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת, ערב ובקר וצהרים, יעדער פון אונז גייט אדורך איבערן טאג א געוואלד מיט נסים. מען קוקט עס אן פאר א טבע, מען חזר'ט נישט, אין בעל הנס מכיר בניסו (נדה לא.), ער דערקענט עס נישט, אבער עס איז דא נסים נסתרים פאר יעדן איינעם. און ווען עס קומט חנוכה, און מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף די נסים נגלים וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס געטון מיט אונז, ווערט דעמאלטס נתעורר א אור, א ליכטיגקייט, וואס מיר פארשטייען אז עס איז דא נסים נסתרים וואס איז באהאלטען. און חנוכה איז א מענטש זוכה צו די אור הגנוז.

*

**וואס** איז עס נוגע פאר בחורים אין ישיבה? מען זיצט און מען לערנט פלייסיג ב"ה, און מען ליגט אינעם אור התורה. עס איז א געוואלדיגע חשיבות אז מען ליגט אין תורה, עס איז א געוואלדיגע אור, א ליכטיגקייט, אז מען קען זיין א ערליכער יוד, מען איז מכיר אז עס איז דא א בורא עולם, און מען איז נישט פארפאלן אין אזא מגושמ'דיגע וועלט. א יוד דארף וויסן דעם חסד ה' וואס דער אייבערשטער טוט, און ווי מער מען לערנט, ווי פלייסיגער מען לערנט, ווי מער מען ליגט אין תורה, לייכט ביי א יוד דער אור הגנוז, א באהאלטענער אור, ער זאל קענען אדורכזעהן מסוף העולם ועד סופו, אלע העלמות זאלן זיין אפען פאר אים, עס זאל ביי אים לייכטן.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא נשא כט), אז אויב עס בלייבט איבער שמן פון די מנורה פון איין טאג, קען מען עס צינדן דעם אנדערן טאג. אבער אויב עס איז הותיר ביום שמיני, דעם אכטן טאג איז געבליבן, עושה לו מדורה בפני עצמו, מאכט ער א עקסטערע מדורה, דעם שמן דארף מען פארברענען, מען טאר נישט נהנה זיין דערפון. עס איז דא א ווארט פון **חידושי הרי"ם**, אז יתרו האט דאך געהאט מערערע נעמען. קודם האט ער געהייסן יתר, און ווען ער האט זיך מגייר געווען האט מען אים א נאמען געגעבן יתרו. זאגט דער **חידושי הרי"ם**, פארוואס האט ער געהייסן יתר? יתר איז טייטש, איבריג. ווען יתרו האט אנגעקוקט די קדושה פון יודישע קינדער, און ער האט אנגעקוקט ווי אזוי ער קוקט אויס, א כהן מדין, א גוי, ראו בין בני לבין חמי, ער האט געקוקט וואס א יוד איז, און ער האט געקוקט וואס ער איז, האט ער זיך געשפירט יתר, ווי ער איז איבריג אויף די וועלט. ער האט נישט געשפירט קיין שום חשיבות ביי זיך, אזוי צו לעבן ווייטער, ווייל כלפי די גרויסקייט פון יודען, איז ער א יתר. און ער האט געהייסן יתר, ווייל ער איז טאקע געווען איבריג אויף די וועלט. אבער שפעטער ווען ער האט זיך מגייר געווען, האט געהאט א חשיבות זיין יתר, דאס וואס ער האלט זיך נאך אלץ פאר א יתר. ווייל די גמרא (סנהדרין קיא:) זאגט, לשאר עמו (ישעיה כח-ה), למי שמשים עצמו כשירים. א מענטש האלט זיך פאר איבריג, קען ער זיך פשוט אריין ווארפן אינעם אייבערשטן. ביז יעצט איז ער געווען א יתר, ער איז געווען איבריג פאר די וועלט, און יעצט האט ער זיך אויך געהאלטן אז ער איז איבריג, אבער דער יתרו איז א חשיבות. אזוי שטייט אין חידושי הרי"ם.

**מען** ווייסט די חשיבות פון חנוכה, און יעדער איינער דארף טראכטען ביי זיך, מיט וואס קען איך ארויסגיין פון דעם חנוכה, איך זאל זיין עפעס מער נאך חנוכה, איך זאל אויסקוקן עפעס אנדערש פון וואס איך האב אויסגעקוקט פאר דעם. אויב עס איז טאקע יא אזוי גרויס, אז עס קומט אראפ א אור פון תורה, א אור הגנוז, וואלט דאך דער מענטש געדארפט אויסקוקן אנדערש ווי ער קוקט אויס. ווען עס קומט זאת חנוכה, און ער האט 'מותיר' געווען שמן, ער שפירט זיך אז ער איז איבריג, זאגט מען, עושה מדורה בפני עצמו, מען דארף אריין לייגן פייער, לערנען תורה מיט א התלהבות, מיט א קאך,

זיך מעמיק זיין אין תורה, עס זאל אים אים נישט אינטערעסירן אלע זאכן ארום און ארום, עס איז דא א ליכטיגע וועלט, דו קענסט נהנה זיין פונעם שמן. אויב עס בלייבט איבער, הותיר מיום השמיני, ער שפירט זיך פאר א נותר, עושה מדורה בפני עצמו, מאך דיר א מדורה פאר דיר. דו קענסט אליין אנצינדן דיין אור שמן וואס איז געבליבן נותר, און לייכטן דערמיט.

**רבי** מענדל האט פריער ארויסגעברענגט, אז אין די זיבן זאטע יארן דארף מען אוועקלייגן אויף די זיבן הונגער יארן. די זיבן זאטע יארן דאס איז די זיבן יאר וואס מען איז אין די ישיבה, פון די בר מצוה ביז א פאר יאר שפעטער. נאכדעם קומט די זיבן הונגער יארן, נישט רעב ללחם, נאר צמא לשמוע את דבר ה'. מען איז אפשר נישט זוכה צו א שווערע תקופה וואס מען איז זוכה אין די יונגע יארן אין די ימי הבחרות, ימי הבחרות איז א זאך וואס גייט אוועק, כלילא דורדא דלא הדרי (שבת קנב.), עס קומט קיינמאל נישט צוריק, די שיינע יארן וואס מען האט אין די ישיבה. אז מען נוצט עס אויס ווי עס דארף צו זיין, איז דאס די שענסטע יארן אין לעבן וואס מען האט, דאס רופט זיך די זאטע יארן. מען קען זיצען און לערנען אומגעשטערט, מען האט נישט קיין דאגות, מען האט נישט אן עול פון א פרנסה, און מען האט נישט קיין זארג פון עסן און טרינקען און שלאפן, קיין שום זאך, אלעס באזארגט מען ענק. מען קען לערנען פון צופרי ביז ביינאכט אן קיין הפסק און אן קיין שום דאגה, און דאס איז די זיבן זאטע יארן, וויפיל דו וועסט אנגרייטן אין די זיבן זאטע יארן, אזויפיל וועסטו האבן שפעטער אין די הונגער יארן. ימי שנותינו בהם שבעים שנה, מען האט שוין נישט די זאטע יארן. וויפיל מען האט זיך אוועקגעלייגט, און וויפיל מען האט קונה געווען יעצט, מיט דעם בלייבט מען אויף שפעטער. נישט יעדער פארשטייט עס, עס גייט אדורך נאך א וואך, נאך א חודש, נאך א זמן, נאך א יאר, איך האב דא יעצט העריליכע יארן פון מיין לעבן, איך וויל עס אויסנוצען צו קענען נאך א מסכתא, יעדע הלכה וואס מען לערנט, יעדע בלאט גמרא וואס מען לערנט, דארף האבן ביי אים א חשיבות. מען הייבט מארגן אן מסכת ברכות אין א טייל פלעצער, נאך א מסכת אריינכאפן, עס איז דא גענוג צייט אויף אלעם, מען דארף נאר וועלן. מען דארף לערנען די מסכתא וואס מען לערנט יעצט אין ישיבה, אבער עס איז דא גענוג צייט נאכדעם וואס מען לערנט וואס מען איז מחויב צו לערנען, וואס מען קען אויסנוצען. מען דארף מחשיב זיין יעדע זאך וואס מען לערנט.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל אונז באלייכטן דער אור הגנוז וואס איז אראפגעקומען אין די טעג. עס זאל קענען זיין עושה מדורה בפני עצמו, מאך זיך אליין א מדורה, קיין שום זאך זאל דיך נישט אנגיין, דו האסט א תכלית, דו זאלסט אויסנוצען די צייט צו דינען דעם אייבערשטן, דעמאלטס וועט נמשך ווערן די ימי חנוכה אויף א גאנץ יאר. מען זאל זוכה זיין צו ערכתי נר למשיחי, אין ספרים הק' שטייט, אז אין די טעג פון חנוכה קומט אראפ א חינוך פאר די גאולה, זאלן מיר זוכה זיין אלע צוזאמען, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת גואל צדק, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **משה יהודא הירש** הי"ו, עב"ג בת הרב **אלימלך בראך** שליט"א, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **ברוך הערשקא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יחזקי' קליין** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **משה יהודא הירש** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **מרדכי רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שאול ברוך גרינוואלד** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת ויגש</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, וסידור קידושין אצל החופה של בת הרה"ג **רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו תפארת יהושע במאנסי, עב"ג בן הר"ר **ברוך יהודא ביניק** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאווין.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל מחותנו **הגה"צ רבי משה ראזנער שליט"א** אב"ד טערצאל, שישב שבעה על פטירת בנו הב' **ישראל מנחם ראזנער** ז"ל.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' מהנוכחים:** מען האט יעצט גערעדט פון סערדאהעלי.

**רבינו:** דאס צוגעבינדענקייט וואס איז געווען אין אונגארן צווישן די רבי'ס און די תלמידים...

**אב"ד טערצאל:** יעדער רבי און יעדער ראש ישיבה, ביי זיין תלמיד, האט ער געהאלטן אויף אים אז ער האט רוח הקודש. אין פאפא, גאלאנטא, סערדאהעלי, סעקלהיד, קאלוב, טאשנאד.

**א' מהנוכחים:** אין גאלאנטא איז נאך געווען דאס מערסטע.

**אב"ד טערצאל:** איר האט נישט געהערט ווי א סעקלהיד'ער תלמיד האט גערעדט פון זיין רבי'?! נאך מער ווי פונעם **בעל שם טוב**. איך האב געקענט תלמידים פונעם **ערוגת הבשם**, וואס האבן געדאווענט אין צעהלים, ווען זיי האבן גערעדט פונעם **ערוגת הבשם** האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען.

**רבינו:** און ווי אלט איז געווען דער **ערוגת הבשם**, עטליכע פופציג יאר. ער האט געלעבט אכט און פופציג יאר.

**אב"ד טערצאל:** דאס איז א פלא בכלל, ער האט אזויפיל געשריבן. עס איז געווען א באנד אויף חושן משפט, און אויף אבן העזר.

**א' מהנוכחים:** עפעס איז געבליבן, אויף חולין האט מען יעצט ארויסגעגעבן.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קאטמונער רב**, האט ער געזאגט, אז מען דארף באדאנקען פארן **יארע רב** (בן הערוגת הבשם) אז ער איז געווען א ארימאן, אז נישט וואלט נישט געווען געדרוקט די תשובות פועם ערוגת הבשם, נישט אויף אורח חיים, און נישט אויף יורה דעה. ער האט עס מסדר געווען, און פון דעם האט ער געהאט פרנסה.

**אב"ד טערצאל:** דאס וואס די גדולים האבן געדרוקט אליין בחייהם, דאס איז געבליבן. פונעם **מעשי למלך** איז געווען טויזנטער תשובות, און עס איז כמעט גארנישט דא. מיין זיידע **רבי יעקב שפירא** (אב"ד טערצאל), האט מיר זיין טאכטער געזאגט, אז עס איז געווען א גאנצע שאנק מיט כתבי ידות, און די קינדער האבן עס צושלעפט, און עס איז גארנישט געבליבן. ער איז געווען זייער גרויס אין חושן משפט, ער האט געהאט אסאך דין תורה'ס.

**רבינו:** מען האט צוטיילט ירושה, און יעדער האט זיך גענומען א פעקל, אנשטאט מען זאל עס לאזן אויף איין פלאץ און איינער זאל עס מסדר זיין, און דרוקן...

**אב"ד טערצאל:** איינע פון די רבנים האבן געזאגט, אז יעדער זאל דרוקן בחייו.

**א' מהנוכחים:** דער **מנחת אלעזר** שרייבט אין זיין הקדמה אויפן ערשטען חלק, ברענגט ער פון איינעם, אז מען מוז דרוקן בחייו ווייל מען ווייסט נישט וואס עס וועט געשעהן. עס קען געשעהן שריפות, און קינדער וועלן זיך נישט אפגעבן, זיי וועלן זיין ארימעלייט. מען מוז דרוקן בחייו.

**אב"ד טערצאל:** פון סערדאהעלי איז אסאך געבליבן. מען האט עס באהאלטן?

**רבינו:** נאר פון **רבי משה לייב** (בעל ויגד משה) איז געבליבן. פונעם **סערדאהעלער רב** אליין איז גארנישט געבליבן. עס איז דא איין באנד תשובות, וואס עס איז געלעגן ביי **רבי משה לייב**. **רבי משה לייב** האט באהאלטן זיינע זאכען ביי א גוי, און וואס ער האט באהאלטן האט מען געטראפן, און וואס דער זיידע האט באהאלטן האט מען נישט געטראפן. מען האט נאר צוזאמגענומען פון די תלמידים דברי תורה וואס זיי האבן געדענקט. דאס איז טייטש, וואס עס איז געבליבן פונעם זיידען על התורה, איז ווייל א תלמיד האט עס געהאט אויפגעשריבן, און ביי דעם תלמיד איז געבליבן די כתבי ידות, און פון דארט האט מען עס מעתיק געווען. - וואס עס דארף זיין געדרוקט גיט דער אייבערשטער שכל אז מען זאל עס אליין טון, און וואס עס דארף נישט זיין געדרוקט, נעמט דער אייבערשטער צו דאס שכל.

**אב"ד טערצאל:** יארן צוריק איז געווען א קינד וואס האט גערעדט (בדברי תורה בשנות ילדותו כידוע), עס איז

געוועהן הייניגע ספרים וואס ער האט נישט געזאגט, און עס איז געוועהן וואס ער האט יא געזאגט.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי יחזקאל בלום שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד תולדות רפאל קאשוי שליט"א, חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי הלל ראבינאוויטש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א) שהתקיים באולם עטרת חי' שרה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויגש***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אשר לעמיל שווארץ** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת ויגש***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **אברהם יקותיאל פישמאן** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת ויגש***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **הערשל דרעזנער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ווען יוסף האט זיך באקענט מיט די ברודערס, האט ער זיי געזאגט, גשו נא אלי, קומטס נאנט צו מיר, ויגשו (בראשית מה-ד). רש"י זאגט, הראה להם שהוא מהול, ער האט זיי געוואלט געבן א סימן אז ער איז יוסף, האט ער זיי געוויזען אז ער איז גע'מל'ט. די מפרשים שטעלן זיך דערויף, אז עס איז געוועהן גאר א שוואכע סימן אין מצרים אז מען איז מהול, ווייל יוסף האט גוזר געוועהן פאר דעם אויף אלע מצריים, אז זיי זאלן זיך מל'ן (רש"י בראשית מא-נה), כדי מען זאל קענען האבן וואס צו עסן, איז דאך גאנץ מצרים געוועהן מהול. וואס איז דער הראה להם שהוא מהול, ער האט זיי געוויזען אז ער איז גע'מל'ט.

**יוסף** האט זיי געזאגט, אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה (מה-ד), איך בין ענקער ברודער יוסף, וואס עטץ האטס מיך פארקויפט קיין מצרים. בפשטות קוקט עס אויס, כאילו ער האט זיי פארגעווארפען, אני יוסף, איך בין יוסף, געדענקטס וואס עטץ האטס מיר געטון, אשר מכרתם אותי מצרימה. זאגט דער הייליגער **אור החיים הק'**, אז דער פשט איז פונקט פארקערט. יוסף האט זיי געוואלט מיט דעם טרייסטן. יוסף האט זיי געזאגט, 'אני יוסף אחיכם', איך האב נישט פארלוירן מיין ברודערשאפט פון ענק. איר זאלט נישט מורא האבן אז איך וועל ענק עפעס טון, אני יוסף אחיכם, איך פיר זיך אויף מיט ענק, אזוי ווי ברודערס דארפן זיך אויפצופירן. און נישט נאר יעצט בין איך אחיכם, נאר 'אשר מכרתם אותי מצרימה', אפילו אין די צייט וואס מען האט מיך פארקויפט קיין מצרים, איז נישט אפגעקילט געווארן מיין ברודערשאפט פון ענק. אפילו בשעת מעשה וואס מען האט גענומען א ברודער און פארקויפט פאר א עבד, האט זיך יוסף באטראכט כאילו מען האט אים גארנישט געטון. ער האט נישט געהאט קיין שום טענות אויף די ברודערס, ער האט געוואוסט אז אלעס איז מן השמים, מען פירט אלעס פון הימל. ער האט זיי געוואלט בארואיגן, אני יוסף אחיכם, איך בין ענקער ברודער יוסף, אשר מכרתם אותי מצרימה, נישט נאר יעצט בין איך אחיכם, נאר אשר מכרתם אותי מצרימה, בשעת מכירה איז נישט אפגעקילט געווארן מיין ברודערשאפט צו ענק.

**און** דאס איז א געוואלדיגע מדריגה. אמאל איז דא וואס מען טוט יענעם א עוולה, און עס גייט אדורך יארן יארן, צוביסלעך פארגעסט מען די עוולה וואס

מען האט געטון, מען זעהט ווי אזוי עס האט זיך אויסגעשטעלט, עס איז נישט אזוי ווי יענער האט געוואלט, בארואיגט מען זיך. די ברודערס האבן געוואלט פארקויפן יוסף, כדי עס זאל נישט מקויים ווערן די חלום אז ער וועט זיין מלך, עס איז אדורכגעגאנגען צוואנציג יאר פון דעמאלטס, און יוסף האט זיך בארואיגט פון וואס מען האט אים פארקויפט, אני יוסף אחיכם, איך בין ענקער ברודער יוסף. עטץ האטס ממילא נישט אויסגעפירט מיט ענקער פלאן וואס עטץ האטס געוואלט, ווייל איך האב געווינען, איך בין היינט דער מלך, און עטץ קומטס ענק בייגן צו מיר. יוסף האט געזאגט ניין, נישט יעצט ווען עטץ זענטס אויסגעשפילט געווארן, און איך האב געזיגט, בין איך אחיכם, נאר אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה, בשעת מכירה ווען מען האט מיר פארקויפט קיין מצרים, האט עס מיך גארנישט געאהרט, איך בין געבליבן מיט די ברודערשאפט. עס איז א געוואלדיגע מדריגה אז א מענטש זאל זיך קענען אזוי ארויסשטעלן, עס זאל אים נישט באךירן קיין שום זאך וואס מען האט אים געטון.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, בשעת יוסף האט זיך באגעגנט מיט די ברודערס, האט ער געזאגט, הוציאו כל איש מעלי, ולא עמד איש אתו בהתוודע יוסף אל אחיו (מה-א), יוסף האט געטראכט, יעדער מענטש האט געפילן, איך בין אויך נאר א מענטש, און עס וועלן דאך ארויפקומען געפילן פון נקמה אקעגן די ברודערס. איך וויל אבער נישט יעצט, אז עס זאלן ארויפקומען מיינע געפילן. הוציאו כל איש מעלי, נעמטס אוועק יעדן איש וואס איז דא אין מיר, איך וויל נישט אז מיינע אישיות וואס איך האב, זאל האבן א שליטה אויף מיר. ולא עמד 'איש' אתו, בהתוודע יוסף אל אחיו, עס איז נישט געווען קיין 'איש'. די אלע זאכן וואס מענטשען האבן געפילן איינער אקעגן דעם צווייטן, איז נישט געווען ביי אים, ווען ער האט זיך מתוודע געווען צו די ברודערס.

**ווי** אזוי קומט מען צו, צו אזא מדריגה? מען ווייסט, אז מילה איז נישט נאר אז מען נעמט אראפ די ערלת הבשר, יעדע מילת בשר איז מילת ערלת הלב, ומלתם את ערלת לבבכם (דברים י-טז). מיט דעם וואס א יוד מל'ט זיך, באקומט ער א קדושה אז ער זאל קענען אראפנעמען די ערלת הלב אויך. די גלוסטונגען וואס א מענטש האט אינעם הארץ צו גשמיות'דיגע ענינים, צו מענטשליכע ענינים, זאל ער זיך קענען אויסשאלטערן דערפון. יוסף האט זיי געוויזען, גשו נא אלי, הראה להם שהוא מהול, קוקטס די ענין פון מילה, וואס מילה איז דאך אוועקצונעמען נישט נאר די ערלת הבשר, נאר אויך די ערלת הלב. איך בין מהול. איך בין גע'מל'ט. איך האב נישט קיין שום ערלת הלב אין מיר, וואס זאל ברענגען געפילן אקעגן ענק. אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה, איך בין ענקער ברודער ווייטער. דאס איז די געוואלדיגע קדושה וואס מילה ברענגט אריין אין א קינד, אז הוציאו כל איש מעלי, מען קען ווערן אויסגעשאלטערט פון דעם וואס א מענטש איז בדרך כלל א איש, ער האט געוויסע נייטונגען וואס א מענטש האט בטבע, און דורך מילה קען זיך א מענטש ארויסשטעלן דערפון, אוועקנעמען די גאנצע ערלת הלב, עס זאל אים גארנישט אינטערעסירן. ביי אנדערע מענטשען וואלט עס געווען א גאנצער עסק, און ביי אים איז עס גארנישט.

*

***שבת קודש פרשת ויגש***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יונה זינגער** הי"ו, והתקיים שמחת עליה לתורה של החתן בן הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו, ושל החתן בן הר"ר **ירמי' מאיר פאגעל** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחות.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום הש"ס של הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א שמחה אטיילצונעמען ביי די סיום הש"ס פון מיין חשובן ידיד רבי דוד זאל זיין געזונט, צוזאמען מיט זיין ברודער רבי אליעזר. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל קענען מסיים זיין אסאך מאל, און זיך קענען שטענדיג מיט-פרייען מיט די שמחות.

**איך** וויל זאגן אפאר ווערטער פארן אבי הבנים, פאר רבי בצלאל זאל זיין געזונט. איך שטעל מיך פאר, אז ער האט אסאך רעיונות יעצט ווען ער זיצט דא. עס איז אדורכגעגאנגען די אלע יארן, און

דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה, אז מען זיצט צוזאמען מיט די קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך קע"ה וואס זיצען און לערנען, און מען איז מסיים איין מסכתא נאך די צווייטע מסכתא. עס קומט א צייט וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר דעם מסירת נפש וואס מען האט געהאט, מען האט זיך יארן אוועקגעגעבן פאר תינוקות של בית רבן, און דער באשעפער באצאלט דאס נאכדעם פאר די אייגענע קינדער, אז מען זעהט ווי אזוי די גאלדענע קייט פון תורה, ציהט זיך ווייטער.

**מען** זעהט ביי יוסף ווען ער האט זיך געטראפן מיט יעקב, שטייט אין פסוק (מו-כט) אז יוסף איז געפאלען אויף די האלדז פון יעקב, און ער האט אים געקושט. אבער דער טאטע יעקב איז נישט געפאלען אויף די האלדז פון יוסף, עס שטייט נישט אין פסוק אז ער האט אים געקושט. און רש"י זאגט, אז ער האט געליינט קריאת שמע, און ער האט נישט געוואלט מפסיק זיין אינמיטן קריאת שמע. און אויף דעם פרעגט די וועלט, אויב יעקב דארף ליינען קריאת שמע, דארף יוסף אויך ליינען קריאת שמע, און פונקט יעצט ווען ער טרעפט זיך מיט יוסף, האט ער געדארפט ליינען קריאת שמע.

**עס** איז דא א ווארט פון די פריערדיגע, יעקב האט נישט געוואוסט וואס מיט דעם יוסף איז, ווי אזוי ער קוקט אויס אין מצרים אלס משנה למלך, צו ער איז געבליבן ערליך. ווי אזוי איז מעגליך אז ער זאל זיך קענען האלטן דארט ערליך, אזוי ווי יעקב האט געוואלט מען זאל אויסזעהן. יעקב האט געדארפט קודם וויסען ווער דער יוסף איז, כדי ער זאל אים קענען געבן א קוש. ער קושט נישט סתם א קינד ווייל עס איז זיין קינד, און ער האט זיך געטראפן נאך צוואנציג יאר. ער וועט אים געבן א קוש ווען ער וועט זעהן ווי אזוי ער איז אויסגעוואקסען אין די צוואנציג יאר, ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט, דעמאלטס וועט ער אים געבן א קוש. יוסף האט געוואוסט אז יעקב איז א צדיק, ער האט נישט מסופק געווען אז יעקב זאל פאלן פון וואס ער איז געווען, האט ער געקענט געבן א קוש פארן פאטער תיכף ווען ער האט אים געטראפן. אבער יעקב האט נישט געקושט יוסף, יעקב קושט נישט יוסף ביז ער איז נישט מברר וואס דער יוסף איז.

**פון** וואו נעמט זיך דער כח, א טאטע זאל נישט געבן א קוש פאר א קינד נאך צוואנציג יאר ביז ער ווייסט אז דאס קינד איז ערליך. ווייל ער האט געליינט קריאת שמע. ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, ליב האבן דארף מען דעם אייבערשטען, נישט א קינד. ווען א קינד גייט בדרכי ה', דעמאלטס קומט זיך א קיש פארן קינד. ווייל ער האט געליינט קריאת שמע, וועגן דעם האט ער געקענט צוקומען צו אזא מדריגה, אז ער האט אים נישט געגעבן קיין קוש. - די חשיבות פון קינדער איז, ווען דער אייבערשטער העלפט, אז ער וואקסט אויס, און ער פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס איז דער עיקר נחת וואס עלטערן האבן פון קינדער.

**רבי** דוד זאל זיין געזונט לערנט ביי אונז אין בית המדרש, ווען איך קום אריין זיצט ער מיט א גמרא, צו איז עס אינדערוואכן, פארן דאווענען אדער נאכן דאווענען, צו איז עס שבת אינדערפרי צו פאר מנחה, ווען מען קומט אריין איז ער פארנומען מיט די בלאט גמרא וואס ער לערנט, אזויפיל יארן וואס ער פלאגט זיך אויף תורה.

**און** איך וויל זאגן א ווארט פאר די עזרת נשים אויך. עס קומט נישט אן גרינג, יעדער ווייסט אז מען דארף איבערלאזן די שטוב אסאך מאל, ווען עס איז שווערע זמנים, ווען מען דארף ענדיגן וואס מען דארף צו לערנען. די געוואלדיגע זכות וואס מען האט, אז דער מאן זיצט און לערנט, נשים האבן נישט קיין זכות פון תורה נאר דאס וואס זיי טוען צוהעלפן אז די מענער קענען זיצען און לערנען. עס איז חלק כחלק יאכלו (דברים יח-ח), זי באקומט א חלק אין די תורה וואס דער מאן האט געלערנט.

**די** קינדער פון די בעלי שמחה דארפן גיין בדרכי אבות, זיך אפלערנען, און געדענקען די נאכט, ווי שיין עס איז געווען ווען דער טאטע האט מסיים געווען ש"ס, און מען איז געזעסן צוזאמען און זיך מיטגעפרייט. אין זיבן יאר ארום קען מען מאכן די זעלבע, און נישט נאר איינער, נאר אסאך אירע צוזאמען. אין לך דבר שעומד בפני הרצון (זוה"ק ח"ב קסב:), מען דארף נאר וועלן. עס איז שוין היינט נישט אזוי שווער צו לערנען, עס איז גרינג צו לערנען, מיט די אלע גמרות וואס איז דא היינט, וואס האט גרינג געמאכט דאס לערנען אפילו פאר א פשוטן יוד אויך.

מען דארף נאר האבן א רצון, נישט קוקען אויף די שוועריקייט וואס איז דא דערין, זיך אריינווארפען, נאכגיין בדרכי אבות, און אויסוואקסען א יוד וואס האט געענדיגט ש״ס.

**איך** וויל וואונטשען פאר די בעלי שמחה, דער אייבערשטער זאל זיי געבן, אז זיי זאלן קענען מוסיף זיין אין לימוד התורה, זיי זאלן קענען ווייטער אויך מסיים זיין אסאך מסכתות. און די עלטערן זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה ביי דעם קינד און אלע קינדער און אייניקלעך. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל סעודת סיום הש״ס בבית הר״ר **מרדכי אדלער** הי״ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז א געוואלדיגע שמחה פאר אונז פריוואט, און פאר די גאנצע בית המדרש בכלל, מען זיצט און מען לערנט א חבורה פון יונגעלייט, וואס האלט אן, אן קיין שום הפסק פון א טאג, זיבן יאר איינס נאכן אנדערן. שבע שנות השבע, זיבן זאטע יארן, וואס מען איז זיך משביע מיט דברי תורה. און מען האלט יעצט ביי אזא זמן וואס מען האט געענדיגט ש״ס, און מען האט אנגעהויבן נאכאמאל א צווייטען מחזור. זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין, און מסיים זיין אסאך מסכתות.

**מען** זעהט אין די גמרא (פסחים פז.), אז תורה הקדושה ווערט אנגערופן א חומה, א מויער. בפשטות ווערט תורה אנגערופן א חומה, ווייל תורה נעמט ארום דעם מענטש אז ער זאל נישט אריינפאלען אין הבלי עולם הזה. די תורה טוט היטן דעם מענטש, עס טוט אים ארומנעמען ער זאל נישט ארויסגיין פון די גדרים וואס מען דארף נישט זיין דארט. עס קען אפשר זיין נאך א נקודה, פארוואס תורה ווערט אנגערופן א חומה.

**איך** האב געזעהן די וואך פון א ספרדישן גדול, מען זעהט אז יעקב האט געשיקט יהודה, ואת יהודה שלח לפניו (מו-כח), און ווי רש״י זאגט, לתקן לו בית תלמוד, ער זאל אים צוגרייטען א בית תלמוד, אז ווען ער קומט אראפ קיין מצרים, זאל מען קענען לערנען. האט ער געפרעגט, פארוואס דארף מען שיקן יהודה צוגרייטען, מען איז דאך נאכנישט דארט. ווען מען וועט אנקומען קיין מצרים, וועט מען אויפשטעלן א בית תלמוד. יוסף וועט אין איינס צוויי טעג ערלעדיגען אז עס זאל זיין צוגעגרייט. ער איז דאך דער מלך, עס איז נישט קיין פראבלעם פאר אים. פארוואס דארף מען שיקן יהודה, אז ער זאל גיין פאראויס לתקן לו בית תלמוד.

**האט** ער געזאגט זייער א שיינעם געדאנק. עס שטייט אין די גמרא (ערכין לג:), ביי די הלכה פון בתי ערי חומה, און אנטקעגן מגילה ליינען אויך (מגילה ג:). וואס די ערים וואס זענען מוקפים חומה, ליינען די מגילה ט״ו אדר, און די ערי הפרזים ליינען י״ד. עס איז דא א דין אין די הלכה פון ערי חומה, אז א שטאט הייסט נאר דעמאלטס מוקף חומה, אויב מען האט קודם געמאכט די חומה ארום און ארום, און נאכדעם האט מען זיך באזעצט אינווייניג, דעמאלטס האט עס דעם דין פון א מוקף חומה. טאמער מען האט זיך קודם באזעצט, און נאכדעם האט מען געמאכט דעם חומה, האט עס נישט דעם דין פון א מוקף חומה, און מען ליינט נישט דארט ט״ו. און עס האט נישט די הלכה אזוי ווי מען האט פארקויפט א הויז אין א עיר וואס איז מוקף חומה. כאטש למעשה איז די הויז וואס ער פארקויפט יעצט, א הויז וואס איז מוקף מיט א חומה, אבער עס איז א חילוק צו די חומה איז געווען קודם, דעמאלטס הייסט עס בתי ערי חומה, און טאמער די הויז איז געווען פריער, דעמאלטס נישט.

**וואס** איז דער חילוק? זאגט ער זייער שיין. א שטאט וואס מען בויט, און די ערשטע זאך מאכט מען א חומה, איז א סימן, אז מען האלט, אז די שטאט קען נישט עקזיסטירן אן א חומה, און מען קען אפילו נישט מאכען א הויז דארט, און זיך אריינציען, ביז מען האט נישט אויפגעשטעלט א חומה. אויב מען ציהט זיך אריין אין א שטאט אן א חומה, און נאכדעם מאכט מען די חומה, דאס ווייזט אז די חומה איז שוין נישט אזוי וויכטיג, מען האט געקענט וואוינען אן די חומה אויך. ווערט די חומה ווי א לוקסוס וואס מען האט צוגעשטעלט דערצו שפעטער, אז עס זאל זיין מער געשיצט, אבער עס איז נישט געפערליך. אויב עס וועט נישט זיין דער חומה, וועט מען זיך אויך קענען א עצה געבן. די

חשיבות פון א עיר חומה איז, ווען די חומה דאס האלט די שטאט. טאמער איז דא א חומה קודם, דאס ווייזט אז אונז קען מיר נישט אריינגיין דא, ביז עס וועט נישט זיין א חומה. דאס ווייזט אז די חומה איז א דבר וואס פעלט אויס פאר דעם עיר. טאמער אבער מען קען אריינגיין וואוינען אן א חומה, און נאכדעם וועט מען צושטעלן א חומה דערצו, דאס איז טייטש אז מען קען וואוינען אן דעם אויך, דו האסט נאר געוואלט בעסער מאכן, מער באשיצן, האסטו צוגעשטעלט א חומה, האט עס נישט דעם דין פון ערי חומה.

**דאס** זעלבע איז ווען מען קומט אויף א מקום, אויב עס איז נישט דא א ישיבה, און מען גייט צושטעלן א ישיבה, איז דער טייטש אז מען קען זיך א עצה געבן אן א ישיבה אויך, מען קען וואוינען דארט. נאר מען דארף דאך לערנען תורה, שטעלט מען צו א ישיבה שפעטער. דאס איז שוין קיין נישט קיין מוקף חומה. יעקב האט געוואלט ווייזן, אז מען קען נישט אראפגיין קיין מצרים אפילו איין טאג, ביז מען האט נישט קודם א מקום צו לערנען. ווען מען וועט האבן א מקום צו לערנען, דעמאלטס קען מען אראפגיין אויף מצרים. פונקט ווי ביי בתי ערי חומה זאגט מען, אז אויב מען קען נישט אריינגיין ביז ווילאנג עס איז דא קיין חומה, דעמאלטס האט עס די חשיבות פון א חומה. די זעלבע דאס אראפקומען אין מצרים, איז נאר ווען מען גייט קודם צושטעלן דעם בית תלמוד, און נאכדעם וועט מען אראפגיין. צו ווייזן אז מיר קענען נישט אנקומען אהין אפילו אויף איין טאג, אן דעם וואס מען האט א בית תלמוד. אויב דו קענסט גיין, און מען וועט שפעטער שאפן, דאס איז טייטש אז מען קען לעבן אנדעם אויך. האט יעקב געשיקט קודם יהודה לתקן לו בית תלמוד, אזוי קען מען אראפגיין קיין מצרים.

**עס** איז דא אמאל וואס ביי א מענטש איז תורה אזוי. מען דארף טאקע לערנען יעדן טאג, ער ווייסט כי הם חיינו ואורך ימינו, אבער דאס איז די צווייטע זאך אינעם לעבן. קודם דארף ער עוסק זיין אין פרנסה, עוסק זיין אין מסחר, טון וואס מען דארף צוטון. מען קען זיך אבער נישט לייגען שלאפן אנדעם וואס מען האט געלערנט, לערנט מען תורה אויך. און אז עס קומט אויס אז מען איז פארנומען, די ביזנעס וואלט ער נישט אויפגעגעבן, אבער די שיעור פון ביינאכט גיט ער אויף. דאס איז נישט די חשיבות פון תורה. תורה דארף זיין אזוי ווי ביי א חומה, וואס מען זאגט אז א חומה הייסט נאר אז די חומה איז קודם, דאס איז די ערשטע זאך, און נאכדעם שטעלט מען צו דעם עיר, דעמאלטס האט עס די דין פון ערי חומה. אזוי איז תורה, תורה דארף זיין ווי א חומה, א מענטש קען נישט עקזיסטירן אן תורה, די ערשטע זאך וואס איך גיי טון צופרי, דארף זיין תורה, צו ער לערנט פריער, צו ער לערנט שפעטער, אבער דאס איז דער עיקר ביי אים, דעמאלטס האט א חשיבות די תורה, און דעמאלטס וועט זיך האלטן די תורה. ווייל טאמער תורה איז נאר די צווייטע זאך ביי אים, און מען קען לעבן אנדעם אויך, איז עס נאר ווי א לוקסוס, און אויף א לוקסוס קען מען אמאל מוותר זיין, אז מען האט נישט געהאט קיין צייט, וועט מען אויסלאזן איין טאג פונעם לערנען. טאמער אבער די תורה איז די עיקר ביי א מענטש, דעמאלטס איז דער עיקר חשיבות ביי אים די תורה, און וואס עס קומט נאכדעם, דאס איז דער לוקסוס, נישט די תורה. תורה דאס איז חומה, די קביעות דערפון דארף זיין אזוי ווי א חומה.

**מען** זיצט און מען לערנט און מען איז מסיים איין מסכתא נאך די צווייטע, דאס גייט נישט נאר ווען תורה איז א חומה, מען ווייסט אז דאס איז דער עיקר פונעם לעבן, דאס איז דער עיקר פונעם טאג, עס מוז זיין אפגעלערנט דער שיעור, און עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס קען עס מבטל זיין, און נאכדעם וועט מען זעהן די אנדערע זאכען וואס מען דארף צו טון, דעמאלטס האט עס א קיום.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן אז דער זכות פון תורה זאל מגין זיין אויף אונז אלע. סוף כל סוף אלע ברכות ליגן אין די תורה הק', און געשעפטן מאכט מען אמאל יא, און אמאל נישט, אמאל דערלייגט מען, און אמאל דערלייגט מען נישט. אבער אז מען לערנט תורה קומט אריין די ברכה אין יעדע זאך וואס מען טוט, נישט נאר אין די געשעפטן און אין די קינדער, נאר ער אליין ווערט געבענטשט. דער באשעפער זאל געבן, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, די עלטערן זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב. פאר אלע מסיימים זאל דער אייבערשטער געבן די אלע ברכות, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

# פרשת ויחי ה' - י"ד טבת תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויחי***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קצ"ג סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מארגן** ביינאכט איז עשרה בטבת, דער טאג וואס מען האט באלאגערט ירושלים, וואס דאס איז געווען די התחלה פונעם חורבן, און די חכמים האבן גוזר געווען אז מען דארף פאסטן. אין **אבודרהם** (הל' תענית עמוד רנד) שטייט, אז דער תענית, אפילו עס וואלט געפאלען אין שבת, וואלט מען אויך געדארפט צו פאסטען. אלע תעניתים וואס געפאלט אין שבת, פאסט מען נישט, אבער די תענית איז אזוי הארב, אז אפילו עס וואלט געפאלען אין שבת, וואלט מען אויך געדארפט פאסטען, ווייל עס שטייט אין פסוק (יחזקאל כד-ב) כתוב לך וגו' את עצם היום הזה וכו'. נאר למעשה, לויטן לוח וואס מיר האבן היינט, קען עס נישט געפאלען אין שבת.

**פארוואס** איז עשרה בטבת הארבער פונעם חורבן בית המקדש אליין. ווען תשעה באב געפאלט אין שבת, פאסט מען נישט, און אז מען האט באלאגערט ירושלים פאסט מען יא? ווייל די התחלה פון א חורבן איז הארבער ווי דער חורבן אליין. דער חורבן איז שוין די לעצטע שטאפל פונעם חורבן, די התחלה ווען עס האט זיך אנגעהויבן די ירידה, אז מען האט געקענט באלאגערן ירושלים, דאס איז די עיקר פונעם חורבן, איז עס הארבער ווי דער חורבן אליין. מען גיט א משל דערויף, ווען א קינד פאלט ארויס פון א פענסטער, איז נישט דער פראבלעם אז דאס קינד איז שוין אראפגעפאלען און ער האט זיך צוקלאפט. דער רגע וואס ער איז ארויסגעפאלען פון פענסטער, איז ער שוין א צוקלאפטער, ווייל מען קען אים שוין נישט צוריקברענגען פון דארט. די זעלבע איז אויך, אז די אויבים האבן געקענט ארומנעמען ירושלים, און ברענגען יודען אין א מצור, דאס איז די התחלה פונעם חורבן.

**אין רמב"ם** (הל' תענית ה-א) שטייט, אז דער תכלית פונעם תענית איז, אז מען זאל זיך מתבונן זיין פארוואס מען פאסט, און זעהן מתקן צו זיין, זיך צוריקצוקערן פון די עבירות וואס מען האט געטון. די גמרא (יומא ט:) זאגט, אז דער חורבן פונעם צווייטען בית המקדש, איז געווען וועגן שנאת חנם וואס איז געווען ביי יודען. און ווען עס קומט א תענית, וואס מען פאסט אויפן חורבן, דארף מען משים לב זיין, מתקן צו זיין שנאת חנם. אויב מען האט אמאל א שנאה איינער אויפן צווייטען, דארף מען זעהן עס אויסצוגראדן, מוסיף זיין מער אין אהבת ישראל, דאס איז דער תיקון אויף שנאת חנם.

**עס** שטייט פון **רבי יחזקאל קאזמירער זי"ע**, די פאריגע וואך אין די פרשה, בשעת יוסף האט זיך געטראפן מיט די ברודערס, איז יוסף געפאלען אויף די האלדז פון בנימין, און בנימין איז געפאלען אויפן האלדז פון יוסף, און זיי האבן געוויינט אויפן חורבן בית המקדש. פרעגט ער, פארוואס וויינט מען יעצט אויפן חורבן פונעם בית המקדש. צוועלף ברודערס קומען זיך צוזאם, א שמחה, נאך צוואנציג יאר וואס מען האט זיך נישט געטראפן, פארוואס וויינט מען יעצט אויפן חורבן פונעם בית המקדש. זאגט ער, דער חורבן פונעם בית המקדש איז דאך געקומען וועגן שנאת חנם, וואו האט זיך אנגעהויבן שנאת חנם ביי יודען? ביי יוסף מיט די ברודערס. וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום (בראשית לז-ד). ווען זיי האבן יעצט געזעהן וואס שנאת חנם האט גורם געווען, האבן זיי משים לב געווען, אז דאס גייט ברענגען דעם חורבן בית המקדש, האבן זיי געוויינט יעצט אויפן חורבן פונעם בית המקדש. ווייל יעצט האט זיך אנגעהויבן צו שפינען שנאת חנם ביי יודען, האבן זיי געוויינט אויפן חורבן.

**מען** קען זיך אביסל אפשטעלן און זאגען, אז ביי יוסף מיט די ברודערס איז נישט געווען ממש שנאת חנם. ביי יוסף איז געווען ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם (לז-ב), יוסף האט בארעדט די ברודערס, ער האט געברענגט דבתם רעה. וואס אין פשטות, ווי אזוי די ברודערס האבן עס אנגעקוקט, איז ער געווען א מחרחר ריב, ער האט אנגערייצט דעם פאטער אקעגן זיי. ער האט געברענגט לשון הרע פארן פאטער. וועגן

דעם וישנאו אותו, האבן זיי אים פיינט געהאט אז ער ברענגט דבתם רעה אל אביהם. איז עס לכאורה נישט ממש שנאת חנם, אז מען האט יענעם פיינט אומזיסט. יענער רודפ'ט אים, האבן זיי אים פיינט געהאט פארוואס ער רודפ'ט זיי, און ער נעמט אוועק זייער חשיבות וואס זיי האבן געהאט ביים פאטער.

**אין** פסוק (ויקרא יט-יז) שטייט, ווען מען זאגט מוסר פאר א צווייטען, הוכח תוכיח את עמיתך, ולא תשא עליו חטא, ווען דו זעהסט יענער טוט א עוולה, זאג אים מוסר. פאר דעם פסוק הוכח תוכיח את עמיתך, שטייט אפאר ווערטער, לא תשנא את אחיך בלבבך, האב נישט פיינט דיין ברודער אין הארץ, הוכח תוכיח את עמיתך. מען האט צוגעשטעלט גלייך צו לא תשנא, דעם תוכח תוכיח את עמיתך.

**ווען** מען זאגט מוסר פאר יענעם, איז דא צוויי וועגן ווי אזוי יענער נעמט עס אויף. אמאל נעמט מען עס אויף נישט גוט. דאס איז טייטש, ער האלט אז דער מענטש מיינט נישט מיין טובה ווען ער זאגט מיר מוסר. ער איז א קריטיקירער, יעדע זאך וואס געפעלט אים נישט, קריטיקירט ער. יעצט האט ער געטראפן ביי מיר א עוולה, קריטיקירט ער מיך אויך. ער האלט אז ער מיינט נישט מיר, נאר ער וויל מיך דערנידערן, ער וויל מיך משפיל זיין, זאגט ער מוסר, פארוואס טוסטו אזוי און אזוי. אמאל מיינט מען, אז יענער וויל זיך מחשיב זיין. אז איך בין גארנישט, וועט יענער זיין חשוב'ער, ער פירט זיך דאך אויף שענער. איז מען נישט מקבל דאס וואס יענער זאגט.

**אמאל** איז דא וואס מען פילט אז יענער זאגט עס פון ליבשאפט. ווען א טאטע זאגט מוסר פאר א קינד, פארוואס טוסטו אזוי און אזוי, דער טאטע איז נישט ברוגז, דער טאטע זוכט אים נישט צו קריטיקירן, ער פארשטייט אז ער פירט זיך נישט אויך וואו עס דארף צו זיין. און ער איז חס אויף אים, סיי אין עניני עולם הזה, סיי אין עניני עולם הבא, זאגט ער אים מוסר. ווען א מענטש ווייסט אז יענער זאגט עס פון ליבשאפט, איז ער מקבל די מוסר. ווען ער מיינט אז יענער וויל אים נאר קריטיקירן וכדומה, איז ער נישט מקבל.

**זאגט** די תורה, הוכח תוכיח את עמיתך, ווען דו זאגסט מוסר פאר דיין חבר, קודם דארפסטו מקיים זיין לא תשנא את אחיך בלבבך, האב נישט קיין שנאה צו אים. ווייל טאמער דו האסט א שנאה צו אים, וועט ער נישט מקבל זיין דיין תוכחה. ער וועט זאגן, דו ביסט מיר א שונא, וועגן דעם זאגסטו מיר מוסר. ווען עס וועט זיין לא תשנא את אחיך בלבבך, דו וועסט נישט האבן קיין שנאה, הוכח תוכיח את עמיתך, קענסטו אים זאגן מוסר.

**די** גמרא (ערכין טז:) פארציילט, אז רבי יוחנן בן נורי האט געזאגט, אז ער האט געלערנט ביי רבי גמליאל אין איין צייט מיט רבי עקיבא. רבי עקיבא איז דאך די ערשטע יארן געווען א עם הארץ, ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין. און רבי יוחנן בן נורי פלעגט זיך אפגערעדן פאר רבי גמליאל אויף רבי עקיבא, אז ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין. און דער רבי האט אים אסאך מאל געגעבן מלקות. האט רבי יוחנן בן נורי געזאגט, אבער יעדע מאל וואס דער רבי האט אים אפירגענומען, האט ער אים מוסיף געווען אהבה, און ער איז מיר געווארן א גוטער פריינד. שנאמר (משלי ט-ח) הוכח לחכם ויאהבך. ער האט געוואוסט אז איך מיין אים נישט שלעכטס צו טון, איך מיין נאר זיין טובה, די תוכחה וואס מען באקומט פון אהבה איז מוסיף אהבה, פאר יעדע תוכחה האט ער אים נאך מער ליב געהאט.

**יוסף** האט געברענגט את דבתם רעה אל אביהם, יוסף האט געברענגט שלעכטס אויף די ברודערס, מען קען עס אויסטייטשן אויף צוויי וועגן. מען קען עס אויסטייטשן אז ער האט געוואלט משפיל זיין די ברודערס אין די אויגן פונעם טאטן, אז זיי זענען שוואכע חברה וכדומה. וישנאו אותו, האבן זיי אים פיינט געהאט. עס קען אבער זיין אז יוסף האט עס געטון מכח ליבשאפט צו זיי, ער האט רחמנות געהאט אויף די ברודערס אז זיי פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, דער טאטע האט דאך א השפעה אויף זיי, איז ער געגאנגען ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם, אז דער טאטע זאל משפיע זיין אז זיי זאלן זיך אויפפירן ערליך. און די ברודערס האבן עס אויסגעטייטשט נישט גוט. אבער דער אמת איז, אז יוסף האט עס געברענגט פארן פאטער מכח די ליבשאפט וואס ער האט געהאט.

**וואו** דערקענט זיך צו יענער האט טאקע געמיינט ליבשאפט. ווען מען זעהט אז נאכדעם וואס מען

זאגט פאר איינעם מוסר, און דער ווען מען האט מוסר געזאגט איז אין א עת צרה, לייגט מען זיך אריין יענעם ארויסצוהעלפן מיט וואס מען קען, און ער האט מסירת נפש יענעם ארויסצוהעלפן, דעמאלטס צייגט מען זיך איבער, אז די מוסר וואס ער האט אים געזאגט, איז נישט ווייל ער איז אים א שונא, ווייל קוק וואס ער גיט זיך אוועק פאר מיר. דעמאלטס ווערט ער איבערגעצייגט אז די מוסר וואס מען האט געזאגט, איז געווען אלץ אהבה.

**זיי** האבן דן געווען יוסף, ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם, אז ער איז א שונא, ער טוט זיי בארעדן, וישנאו אותו. יעצט ווען זיי האבן זיך געטראפן מיט יוסף, און יוסף האט געהאט די געלעגענהייט זיך אפצורעכענען מיט זיי, און יוסף האט געזאגט ניין, איך רעכן זיך נישט אפ מיט ענק, אני יוסף אחיכם, איך בין נאך אלץ א ברודער פאר ענק. דער **אור החיים הק'** זאגט, אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה (מה-ד), נישט נאר יעצט בין איך א ברודער, נאר בשעת מען האט מיר פארקויפט האב איך אויך נישט געהאט קיין שווער הארץ אויף ענק. קומטס אראפ אויף מצרים, איך גיי ענק צושטעלן דירות, איך גיי ענק צושטעלן צו עסן אין די שנות הרעב, ער האט זיי מכלכל געווען אלע יארן שפעטער אויך. ווען מען האט געזעהן די ליבשאפט פון יוסף צו די ברודערס, זענען זיי איבערגעצייגט געווארן, אז דאס וואס ביז יעצט האבן זיי אים פיינט געהאט פארן ברענגען את דבתם רעה, איז געווען א שנאת חנם, עס איז געווען א אומזיסטע שנאה, ווייל זיי האבן געמיינט אז ויבא יוסף את דבתם רעה איז כדאי זיי משפיל צו זיין, און יעצט ווערן זיי געוואר, אז עס איז געווען זייער טובה. יעצט זענען זיי געפאלען איינער אויפן אנדערנ'ס האלדז, זיי האבן געוויינט אויפן חורבן פון בית המקדש. עס איז דא אסאך מאל שנאה, וואס מען טייטשט אויס, מען האט תירוצים אויף די שנאה, אבער עס קומט א צייט וואס מען צייגט זיך איבער, אז די שנאה איז געווען א שנאת חנם, און די שנאת חנם דאס ברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש. און דאס איז דער ענין פון עשרה בטבת, וואס יעדער איינער דארף זיך מתבונן זיין וואס ער קען צוטון ממעט צו זיין דעם שנאת חנם אין כלל ישראל.

*

***יום שני פרשת ויחי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו תפארת יהושע. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **זאב שווארץ** הי"ו, ושל בן הר"ר **אהרן יוסף ליבערמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הלויה של הר"ר **יוסף שמואל קאהן** ע"ה, שהתקיים לפני בית מדרשנו.

אחר כך התקיים הברית של בן הר"ר **ראובן יואל טובל** הי"ו בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה שטייט, ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, יעקב האט געלעבט אין מצרים זיבעצן יאר (מז-כח). עס שטייט אין **בעל הטורים**, אז דער ווארט 'ויחי', באטרעפט פיר און דרייסיג, וואס דאס איז צוויי מאל זיבעצן. זאגט ער, יעקב אבינו האט געהאט שווערע טעג. צוויי מאל זיבעצן יאר האט ער געהאט וואס איז געווען גוטע טעג. זיבעצן יאר וואס ער איז געווען מיט יוסף אינאיינעם. ביז יוסף איז געבוירן האט ער געהאט צוטון מיט עשו שטענדיג, און ווען יוסף איז געבוירן געווארן, האט ער געהאט א כח אקעגן עשו. נאך זיבעצן יאר איז יוסף צוגענומען געווארן פון אים, און יעצט ווען ער איז אראפגעקומען קיין מצרים, האט ער געהאט נאך זיבעצן יאר וואס ער האט געלעבט אין מצרים מיט יוסף. ויחי יעקב בארץ מצרים, דאס חיות פון יעקב איז געווען, צוויי מאל זיבעצן יאר. זיבעצן יאר מיט יוסף צוזאמען, און זיבעצן יאר יעצט אין מצרים, האט ער געלעבט מיט יוסף.

**דער חתם סופר** (תורת משה בפרשתנו רו:) שטעלט זיך, ווי אזוי מען נעמט צוזאם די צוויי זיבעצן יאר צוזאמען. די ערשטע זיבעצן יאר האט ער געלעבט אין ארץ כנען, און געלעבט דארט ווי א מלך, און יעצט איז ער אראפגעקומען קיין מצרים, אין ערות הארץ. ווי אזוי שטעלט מען צוזאם אז די צוויי ויחי'ס איז איינס. זאגט דער **חתם סופר**, אז פון דעם איז א

ראיה, אז יעקב האט ממשיך געווען קדושת ארץ ישראל, וואו ער איז געווען. קומט אויס, אז ביי יעקב איז נישט געווען קיין חילוק צווישן דא און דארט, ביידע זענען געווען אין ארץ ישראל. עס איז דא א דיעה (בעלי תוספות מו-כט) אז ארץ גושן איז א חלק פון ארץ ישראל.

**עס** קען אפשר זיין נאך א נקודה דערין. ווען מען מל'ט א קינד, איז עס א אות ברית צווישן יודען און דעם אייבערשטען. מיר זענען בני מלכים. מיר זענען קינדער פונעם קעניג, מיר זענען אונטערגעווארפן אונטערן קעניג, מיר טוען אלעס וואס דער קעניג הייסט, און מיר האב א צייכן אויף אונז, אז מיר זענען בני מלכים. יעדער בן מלך האט א מעדאל אויף זיך, און א עבד האט אויך א צייכן אויף זיך. אבער דער בן מלך, ווען ער וויל זיך נישט אידענטיפיצערן אז ער איז א בן מלך, נעמט ער אראפ די מעדאל, און ער לייגט עס אריין אין שאנק, און ווען ער וויל זיך אויפטון דערמיט, נעמט ער עס. מיר זענען בני מלכים שטענדיג, וואו א יוד געפונט זיך, אין וועלכע עק פון די וועלט ער איז, האבן מיר א חותם אין זיך, אז מיר זענען בני מלכים, און מיר וועלן קיינמאל נישט אראפנעמען פון אונז דעם חותם, אז מיר זענען קינדער פון א קעניג.

**אזוי** ווי אין לעבן פונעם מענטש איז דא וואכן טעג, און עס איז דא שבתים און ימים טובים, און אייביג איז די עבודה אנדערש. אינדערוואכן איז די עבודה ארבעטן, שבת איז די עבודה, רוען, די עבודה פון סוכות איז זיצן אין די סוכה, און אזוי ווייטער. די זעלבע איז די פלאץ וואו דער מענטש איז, נישט אייביג איז דער מענטש אויפן זעלבן מצב. אמאל איז ער אויף א הייליג פלאץ, וואו עס איז גרינג צו דינען דעם אייבערשטען. אמאל פאלט ער אריין אין א ערות הארץ, וואו עס איז שווער צו דינען דעם אייבערשטען. אבער אלץ דארף מען דינען דעם באשעפער אין דעם מצב ווי מען איז, עס איז נישט קיין חילוק. אז מען קען אים דינען רואיגערהייט, דארף מען אים דינען רואיגערהייט. אויב מען דארף דינען דעם אייבערשטען מיט נסיונות, דארף מען דינען דעם אייבערשטען מיט נסיונות. פונקט ווי שבת און אינדערוואכן איז נישט די זעלבע עבודה, אזוי איז ביי די מקומות פון א מענטש אויך נישט די זעלבע עבודה.

**ביי** יעקב איז נישט געווען קיין חילוק, ער האט געדינט דעם אייבערשטען צו ער איז געווען אין ארץ כנען, צו ער איז געווען אין ארץ מצרים. כאטש די עבודה איז נישט די זעלבע, ווען מען זיצט אין ארץ ישראל אונטערן אייבערשטען, און ווען מען דארף זיצען אין א ערות הארץ, אבער ויחי יעקב, ביי יעקב איז נישט געווען קיין חילוק די זיבעצן יאר צו יענע זיבעצן יאר. עס איז דער זעלבער באשעפער, און די זעלבע עבודה, דא איז גרינגער און דא איז שווערער, נישט אין דעם ווענדט זיך די עבודה. אלץ דארף מען דינען דעם אייבערשטען אין דעם מצב וואס מען איז. ויחי יעקב, ביי יעקב איז געווען אלע פיר און דרייסיג יאר די זעלבע. די זיבעצן יאר אין מצרים, און די זיבעצן יאר אין ארץ כנען איז נישט געווען ביי אים קיין שום חילוק, ווייל דאס איז די מדריגה פון א ערליכער יוד. דאס איז דער קדושת המילה וואס א קינד האט, וואס יעדער יוד האט עס אויף זיך, וואס וואו מען איז, דארף מען געדענקן אז מען איז א בן מלך, און מען דארף דינען דעם אייבערשטען שטענדיג.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה נסע **רבינו שליט"א** לקאנעקטיקעט והשמיע מדברותיו אצל הכינוס לראשי ישיבות מנהלים ומשגיחים בניו יארק, שעל ידי מפעל 'בנין בדעת', שהתקיים במלון קראון פלאזא.

***וזה תוכן הדברים:***

**דער** אמת איז איך בין נישט געהעריג צוגעגרייט צו רעדן, מען האט מיר ערשט מודיע געווען מיט א קורצע צייט צוריק, אז איך זאל קומען, ואת אשר ישים ה' בפי, אותו אשמור לדבר. איך וויל קודם באגריסן אלע חשובע מנהלים מרביצי תורה וואס געפינען זיך דא. כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם (סנהדרין עא:), ווען מען קומט זיך צוזאם דאס איז א טובה פאר יעדן איינעם, איש את רעהו יעזורו, מען לערנט זיך איינעם פונעם צווייטן, מען זאל קענען אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה. כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקיים (אבות ד-יא), א כנסיה וואס איז לשם

שמים אהן קיין שום זייטיגע אינטערעסן, פון אלע סארט קרייזן איז מען זיך צוזאמגעקומען, מטכס עצה זיין, זיך צו פארבעסערן יעדער איינער אין זיין תחום וואס ער קען. עס איז א כנסיה לשם שמים. שמים ווייסט מען דאך איז אש ומים, און זיי מאכן שלום. ווען צוויי קעגן זייטיגע זאכן, פייער און וואסער קומען זיך צוזאם, איז די כנסיה לשם שמים, איז דא א ברכה אז סופה להתקיים.

**מען** דארף ארויסברענגען די געוואלדיגע חשיבות פון די מנהלי התורה, וואס אין ענקערע הענט ליגט דער קומענדיגער דור. כלל ישראל וואס ווערט אויפגעבויעט, על כל פנים אונזער קרייז, ווערן אויפגעבויעט פון די וואס זיצן דא, וואס זיי טוען אויפשטעלן דעם קומענדיגען דור פון בחורים און יונגעלייט וואס דארפן אויסוואקסן. עס איז א געוואלדיגער זכות, אין היינטיגע צייטן וואס מען לעבט אין אזא שווערע וועלט, אז מען זאל קענען מרביץ תורה זיין, אויפשטעלן ערליכע שטובער. די היינטיגע טעג זענען לא כימים הראשונים, ווער נאך אזוי ווי ענק ווייסען די חילוק ווי ווייט עס איז פון וואס עס איז געווען אמאל א ישיבה, און וואס הייסט היינט א ישיבה. וואס א בחור איז אמאל געווען, און וואס א בחור איז היינט, עס איז צוויי וועלטן, צוויי ערליי מהלכים.

**אמאל בימים קדמונים איז יעדעס קינד, יעדער בחור, וואס איז געקומען אין א ישיבה, איז געווען אויפגעבויעט מיט ערליכקייט און יראת שמים פון שטוב. ער איז שוין געקומען אין ישיבה א ערליכער בחור.** די שטובער אמאל זענען געווען ערליכע שטובער, עס איז נישט געווען די טעכנאלאגיע וואס איז דא אין דער וועלט, מען האט נישט געוואוסט קיין סאך פון אויסער וואס עס האט זיך געטון אין די ד' אמות. א יוד איז געשטאנען ווייט פון א גוי, ווייל דער גוי האט אים נישט געדארפט האבן, ער האט זיך נישט געקענט חבר'ן מיט קיין גוים, ער האט נישט געהאט קיין שייכות מיט זיי, ער האט נישט געוואלט וויסן וואס עס טוט זיך ביי דעם גוי, מען איז געווען זייער פרימיטיוו אמאל, אלעס איז געווען מיט א געוואלדיגע ערליכקייט. אפילו א צייטונג, אויב עס איז אמאל אריינגעקומען אין שטוב, איז דאס געווען קודש קדשים אקעגן די צייטונגען וואס איז היינט דא. מען האט אויפגעשטעלט ערליכע שטובער, און ווען א בחור איז געקומען אין ישיבה, איז ער געווען א ערליכער בחור, [מען רעדט דאך בכלליות, אלץ איז געווען פארשידענס], און ער איז געקומען נאר צו שטייגן, ער זאל וואקסן מער אין תורה. כדי ער זאל קענען קונה זיין העכער פון א פשוטער יוד, האט ער געדארפט קומען אין ישיבה אויסצוואקסן, און זיך אויסארבעטן אין מדות, און אין אנדערע ענינים וואס עס האט אויסגעפעלט.

**א** בחור אמאל וואס האט נישט מצליח געווען אין ישיבה, און ער איז ארויסגעגאנגען ארבעטן, איז ער געבליבן א ערליכער בחור, ער איז געווארן א שוסטער, א שניידער. ער האט זיך נישט געקענט דרייען צווישן גוים, דער גוי האט אים נישט געדארפט האבן. ער איז נישט געווען מסוגל צו תורה, אבער ער האט קובע געווען עתים לתורה, ער האט געזאגט תהלים, געלערנט משניות, ער איז געווען ערליך אדורך און אדורך, בדרך כלל.

**דאס** איז געווען אמאל, **היינטיגע צייטן קומט א בחור אריין אין ישיבה זייער רוי.** די שטובער זענען זייער שוואכע שטובער, ער ווייסט זייער אסאך צו זאגן פון דער וועלט, ער קען אלעס ארום און ארום, און ער האלט זיך מיט אייזערנע קייטן צו וואס ער איז. **א ישיבה היינט איז נישט געמאכט געווארן נאר אויסצולערנען דעם בחור טיפער צו לערנען א תוספות, פארשטיין א רמב"ם, וכדומה. נאר אהערצושטעלן א בחור זאל זיין ערליך, א פשוטער ערליכער יוד, אז ווען ער גייט ארויס פון ישיבה, ווען ער ווערט א יונגערמאן, זאל ער זיין א אמת'דיגער ערליכער שומר תורה ומצוות, דאס איז די פליכט וואס א ישיבה דארף היינט צושטעלן אויסער תורה, וואס אמאל איז דאס נישט געווען.** אמאל איז געווען די עיקר אז מען האט נאר געדארפט אויסלערנען לימוד התורה, היינט ליגט א אחריות אויף די וואס פירן די ישיבות, אריינצולייגן אסאך יראת שמים אין די תלמידים. **מען זאל זעהן אז מען זאל לערנען מוסר, לערנען חסידישע ספרים, און אזוי ווייטער, אויפבויען דעם תלמיד מיט וואס מען קען, ער זאל קענען שפעטער אויפשטעלן א ערליכע יודישע שטוב.**

**פאר דעם פארלאנגט זיך א נאנטקייט צווישן א בחור, מיט די מגידי שיעור און די מנהלים, אין פערזענליכען לעבן.** עס איז נישט גענוג אז מען זאגט

אפ דעם שיעור, און דער בחור האט געקענט דעם שיעור, און ער האט נישט קיין שייכות מיט זיין מגיד שיעור, ער האט נישט קיין שייכות מיט דעם מנהל שפעטער, אזוי ווי צוויי אפגעזונדערטע מענטשן. ער האט געהערט דעם שיעור, און ארויסגעגאנגען. **כדי ער זאל זיין שפעטער ערליך, דארף מען האבן א עקסטערן קשר צווישן זיך. ארויסנעמען אמאל א בחור אויף צען מינוט, כאפן מיט אים א שמועס, א ווארימע שמועס, אפילו סתם שמועסן מיט אים, ער זאל פילן א צוגעבינדנקייט**, סיי אין ישיבה, און סיי אין נאנטקייט וואס עס שאפט זיך דורכדעם וואס מען באקענט זיך, און דורכדעם ווערט גרינגער די ארבעט שפעטער.

*

**מען** ווייסט אז עס איז דא היינט ישיבות למצויינים, ישיבות פון בינונים, און פון שוואכע בחורים. איך וויל נישט אריינגיין אין די נושא, ווייל **עס איז א פארוויטאגטער נושא אין א געוויסע זין, וואס מען נעמט אוועק בחורים מצויינים, פון די דרייצן יאר אן, און מען טוט זיי אפטיילן פון די איבריגע ציבור**, און זיי גייען עקסטער פאר זיך, און דאס לאזט איבער א געוואלדיגער חלל פאר די אנדערע ישיבות וואס בדרך כלל זענען רובן בינונים און חלושים. **א ישיבה פון בינונים קען זיך נישט האלטן, נאר אויב עס איז דא צווישן זיי מצויינים!** פאר יעדן מצויין קען אריינקומען נאך א שוואכער בחור אין ישיבה. פאר יעדע מצויין, שטייגען א פאר בינונים אין ישיבה, ווייל ער זעהט אלץ, אז עס איז דא העכערס פון אים, און גרעסער פון אים. און אויב דאס פעלט, פעלט אין אויפהאלטן די ישיבה.

**אבער** עס איז נישט שייך אויסצושמועסן די נושא דא, ווייל עס איז ממילא נישט נוגע, ווייל מיר קענען קיין סאך נישט טון דערצו. וואס עס איז יא נוגע, עס איז דא עלטערן וואס קומען זיך איבערשמועסן מיט די מנהלים, מיט די מגידי שיעורים, איך האב א וואוילען בחור, איך וויל אים שיקן לערנען אין א ישיבה וואס עס הייסט מצויינים. און מען דארף זיך אסאך מאל מתבונן זיין, פארן בחור אליין, צו דאס איז די ריכטיגע שריט פאר אים צו גיין אהין. איך וויל ארויסברענגען געוויסע נקודות דערין, וואס ביי יעדן בחור דארף מען עס עקסטער דן זיין, ביי יעדן בחור איז עס אנדערש, איך רעד נאר בכלליות.

**א בחור וואס קומט אריין צווישן מצויינים, און ער איז נישט מצליח צו זיין אזוי ווי די וואס זענען דארט, ער איז נישט ממש אויף די מדריגה פון זיי, ווען עס גייט אדורך א יאר, קומט ער ארויס א צוקלאפטער בחור, ער קומט ארויס צובראכן אויף שברי שברים.** ער מוז האלטן דעם פנים אזוי ווי ער איז, ער וועט נישט זאגן פארן פאטער וואס ער ליידט, אבער וויפיל מען הערט אסאך מאל צוריק שפעטער פון די בחורים וואס זענען עס אדורכגעגאנגען, דעם ווייטאג וואס זיי האבן געהאט, אז זיי האבן נישט געקענט אנקומען דארט ווי זיי האבן געוואלט אנקומען, זיי האבן נישט מצליח זיין, זיי האבן אלץ געפילט ווי זיי זענען אראפגעקלאפט פון אנדערע, און דאס לאזט איבער א געוואלדיגע חלל שפעטער אויף דעם בחור.

**איך** וועל פארציילן פון מיר. איך בין אויך געווען א בחור אין ישיבה, איך בין געווען א יונגער בחור, איך האב איין זמן געלערנט אין א ליטווישע ישיבה, [אזוי האט עס געהייסן על כל פנים דעמאלטס], און איך האב נישט מצליח געווען. איך האב נישט געקענט תופס זיין וואס מען האט געלערנט, אזוי ווייט אז איך בין געווען נאכדעם צובראכן אויף שברי שברים! און נאך א יאר וואס איך בין געווען דארט, בין איך ארויסגעגאנגען פון די ישיבה! מיין טאטע האט געמיינט די בעסטע, ער האט מיר געוואלט שיקן אויף א פלאץ וואס ער האט געהאלטן אז איך קען דארט מצליח זיין, אבער אז מען האט זיך נישט אריינגעפאסט, איז נישט נאר אז מען האט נישט באקומען קיין תועלת, נאר מען איז ארויסגעגאנגען מער צובראכן פון וואס מען איז געווען. **נישט אלץ איז דער טובה פאר א בחור, ער זאל גיין אויף א פלאץ ווי ער איז א מצויין! ער קומט ארויס מיט אסאך מער ריוח, ווען ער גייט אויף א פלאץ וואו עס איז דא מערערע בינונים, און ער איז פון די גוטע, און ער שטייגט, און ער שפירט זיך ביי זיך דערהויבן, אז ער העלפט פאר אנדערע.** ער קומט אסאך מאל ארויס מיט אסאך מער, ווי ער וואלט ווען מצליח געווען, ווען ער וואלט געגאנגען ערגעץ אנדערש.

**אויסער** די זכות הרבים וואס עס ליגט דערין, וואס מען בויעט אויף אנדערע. די גמרא (תענית ז.) זאגט דאך, הרבה למדתי מרבותי, און פון די חברים האב איך מער געלערנט, ומתלמידי יותר מכולם! אז מען לערנט מיט א שוואכערן בחור, ווייסט יעדער

איינער וואס דאס מאכט אויס אויף די הבנה, ווייל ער דארף מסביר זיין, און איבערגעבן פארן חבר, און די גוטע געפיל וואס ער האט נאכדעם אינעם לימוד התורה. מען דארף זיך אסאך מתבונן זיין בעפאר מען טוט אזא זאך, צו עס איז כדאי.

**צוזייטנס. בדרך כלל, די ישיבות באלאנגען נישט צו קיין קהילות, זיי באלאנגען נישט צו קיין מורה דרך. בדרך כלל, ווען דער בחור גייט ארויס פון די ישיבה דארט, בלייבט ער אן א קרייז.** אלע בחורים פון קהילה'שע ישיבות, האט יעדער איינער זיין קרייז וואו ער איז, און שפעטער ווען מען ווערט א יונגערמאן פאסט ער זיך אריין אין די פלאץ וואו ער איז. אבער ווען מען קומט ארויס פון א ישיבה וואס איז אהן א קהלה, אן קיין אדם גדול וואס שטייט דערויף, וואס ער זאל האבן מיט אים א קשר שפעטער, קומט ער ארויס אלץ יונגערמאן א פארלוירענער יונגערמאן. ער זוכט זיך א בית המדרש וואו צו דאווענען, און קוים וואס ער טרעפט. און ווען ער טרעפט שוין יא אפאר יונגעלייט וואס האבן זיך געמאכט א בית המדרש פאר זיך, האט ער נישט מיט וועם זיך אויסצושמועסן, ער האט נישט אויף וועם ארויפצוקוקן, עס פעלט זייער אסאך פאר א בחור שפעטער אין זיין שפעטערדיגע יארן, וואס מען דארף דאס אריינרעכענען אין חשבון. **פון די ישיבות קומט מען סוף כל סוף שפעטער אן קיין ארץ ישראל, צו ערגעץ אנדערש, און מען וואלגערט זיך, און נישט יעדער איינער איז מצליח. די גלאנץ איז נישט שטארק, אזוי ווי מען קוקט דאס אן.**

*

**א** מגיד שיעור, א מנהל, דארף זיין א מוסטער פאר די בחורים. יעדע מינוט וואס מען קוקט אויף אים, זאל דער בחור קענען לערנען פון זיין התנהגות, ווי אזוי זיין מגיד שיעור רעדט, ווי אזוי זיין מגיד שיעור פירט זיך אויף. וואס דאס איז אסאך נוגע פאר די מנהלים וואס נעמען אויף די מגידי שיעורים. עס איז נישט אייביג ער זאל קענען געבן א גוטע שיעור, עס איז נישט אייביג ער זאל קענען גוט מסביר זיין, אוודאי איז דאס זייער וויכטיג, איך וויל עס נישט מגרע זיין, אבער א בחור דארף האבן פון וועם צו לערנען. און **מען דארף לייגן א דגוש אויף דעם, אז דער מגיד שיעור זאל זיין אזא איינער וואס מען קען זיך אראפ לערנען פון איהם, ווי אזוי זיין דאווענען זעהט אויס, ווי אזוי ער איז ביים עסן, ווי אזוי ער גייט מיט זיין הוט און רעקל, וכדומה.** עס איז דא זייער אסאך וואס א בחור דארף זיך לערנען פון די זייט, אמאל האט מען דאס באקומען אינדערהיים, היינט האט מען דאס נישט אין שטוב. אמאל האט מען דאס געלערנט ביים טאטן, היינט לערנט מען דאס נאר אין ישיבה. און אויב ער באקומט דאס נישט פון ישיבה, האט ער דאס נישט פון וואו צו נעמען. מען דארף לייגן א דגוש דערויף, **ווען מען נעמט אויף א מגיד שיעור, זאל מען נעמען איינעם וואס ער זאל זיין א סעמפל פאר די בחורים, אז מען קען זיך אפלערנען פון אים ווי אזוי ער דאווענט, ווי אזוי ער רעדט, ווי אזוי זיין איידלקייט איז.** בחורים זענען מבינים, אויב זיי זעהן נאר א קלייניגקייט אויף א מגיד שיעור, וואס זיי קענען אים דן זיין אז ער האט חשבונות, און ער מיינט דאס נישט ערליך, און ער מיינט דאס נישט אמת'דיג, וכדומה, איז שדי תיכלא בכוליה, ער איז מער נישט מקבל פון איהם. ער וועט מקבל זיין דעם שיעור, ווייל אויף דעם איז ער געשטעלט, אבער עס גייט נישט ווייטער פונעם שיעור. טאמער אבער א מגיד שיעור, א מנהל, איז א סעמפל פאר די בחורים, האלט מען זיך די גאנצע צייט צוזאמען, און מען לערנט זיך אראפ ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

*

**יעדע** ישיבה לערנט דאך א געוויסן סדר, אז יעדער זאל קענען מיטהאלטן. בדרך כלל איז עס אויסגעשטעלט פאר די בינונים אז זיי זאלן קענען מיטהאלטן, און די חלושים דארפן זיך אביסל ארויפכאפן, און די מצויינים קומען שנעל אן צו וואס מען האט אויסגעשטעלט די ישיבה. עס איז דא אזויפיל צייט אויסער די לימודים פון די ישיבה, און **מען דארף אסאך אריינלייגן אין בחורים, אז זיי זאלן נעמען פאר זיך עקסטערע לימודים צו לערנען.** אין יעדע קרייז איז היינט דא בדרך כלל א פראגראם פון לערנען אויפן סדר, אזוי ווי תורתך שעשועי וכדומה, און **מען דארף פארלאנגען פון בחורים, שטעל דיך צו, לערן דף היומי, לערן א עמוד יומי, עס איז נישט קיין חילוק. ער זאל האבן אויף זיך א עול, יעדע פרייע צייט זאל ער אויסנוצן צום לערנען.** עס איז נישט נאר וואס מען נוצט אויס די צייט אלס בחור, נאר אז מען לערנט אויס א בחור, אז אויסער די שיעורים פון די ישיבה, מוז ער האבן א בלאט גמרא וואס ער

לערנט יעדן טאג, בלייבט ער דערמיט איבער אלס יונגערמאן אויך. אז מען לערנט אויס דעם בחור נאר אויף אזויפיל אז מען דארף זיך פלאגן אויף תוספות, און פארשטיין גוט א תוספות, איז עס נאר ביז ווילאנג ער קען עס אנהאלטן, ווילאנג ער זיצט באהלה של תורה, אבער ווען ער גייט ארויס פון ישיבה איז אים זייער שווער ער זאל דעמאלטס אנהייבן צו לערנען א בלאט נאך א בלאט. **ווען א בחור געוואוינט זיך צו פון די דרייצן, פערצן, פופצן יאר אז ער דארף לערנען א עמוד יעדן טאג, יעדן טאג דארף ער לערנען זיין בלאט, בלייבט ער מיט דעם אויך אויף שפעטער, און אזוי בויעט מען זיך אויף.**

*

**מען דארף מאכן חבורות צווישן בחורים.** חבורות איז כולל אין זיך מערערע נקודות. מען קומט זיך צוזאם, זינגען צוזאמען, מען מיינט נישט די עקשא"ן דערפון, וואס מען קומט זיך צוזאם. נאר עס איז דומה אזוי ווי א מענטש וואס פירט א שבת טיש, און ער וועט זאגן, אז סעודת שבת איז געווען אז מען עסט די בילקעלע, די פיש און פלייש, און מען האט יוצא געווען, און מען וועט זיך אויפהייבן נאכדעם, מען האט יוצא געווען סעודת שבת ווי עס דארף צו זיין. ביי א אנדערע שטוב, זיצט מען און מען זינגט, און מען האט א פרייליכע ליכטיגע שבת. דער רושם וואס די צוויי שטובער לאזן איבער, איז אין לשער. עס איז גארנישט קיין צושטעל אין שטוב צום צווייטן שטוב. די שטובער וואו מען האט אריינגעלייגט ווארימקייט אינעווייניג, רופט זיך עס אהן ביי די קינדער. און כל שכן ווען מען איז א בחור אין ישיבה, און מען לייגט אריין ווארימקייט אין אים, **דאס זינגען ברענגט אריין א ווארימקייט, דאס צוזאמקומען ברענגט אריין א ווארימקייט. עס איז נישט קיין ביטול תורה, דאס בויעט אויף תורה.** אז נישט איז דאס אזוי ווי א וועטשערע וואס מען עסט שבת, און עס איז נישט דא עפעס אנדערש אויסער דעם. דאס ווארימקייט וואס מען לייגט אריין, חמין ושמן שסכו לי בילדותי, הן עמדה לי בעת זקנותי (חולין כד:). דאס ווארימקייט מיט וואס א בחור גייט ארויס פון ישיבה, דאס באגלייט אים שפעטער אין זיינע יארן נאכדעם. און מען דארף לייגן א דגוש דערויף.

**מען דארף אויסלערנען בחורים איבערצוזאגן דברי תורה,** זיי זאלן שמועסן אין דברי תורה, זיך אויפשטעלן און זאגן דברי תורה ברבים, אויסלערנען ווי אזוי צו רעדן איינעם צום צווייטן. **מען דארף אויסלערנען בחורים צו שרייבן**, עס זענען דא ווייניג בחורים וואס קענען שרייבן, מען דארף אויסלערנען בחורים אז מען זאל אראפשרייבן א שיעור. שרייב אראפ א דבר תורה, לערן דיך אויס צו שרייבן. ווען דו וועסט אויסוואקסן א תלמיד חכם שפעטער, אז מען קען נישט נעמען א פעדער אין די האנט, און אראפשרייבן וואס ער איז מחדש, און ווי אזוי מען ברענגט עס ארויס, פעלט פונעם גאנצן בן תורה א געוואלדיגער חלק. נאר אויב מען האט זיך אויסגעלערנט אלס בחור צו שרייבן, דעמאלטס קען מען שרייבן שפעטער. פארלאנגען פון די בחורים אז זיי זאלן רעדן פאר אנדערע, זיי זאלן זיך אויפשטעלן און זאגן א חבורה, אפילו א קלייניגקייט, אבער רעדן פאר אנדערע, און שרייבן פאר זיך, דעמאלטס קען מען צוקומען צו א שלימות.

*

**עס** איז א געוואלדיגער זכות וואס מען האט, אויפצושטעלן היינטיגע דורות, ערליכע יודישע שטובער. עס לאזט זיך גארנישט זאגן די זכות הרבים וואס עס ליגט דערין. מען דארף נישט אננעמען די זאך ווי א דזשאב, א פרנסה, מען דארף וויסן אז מען טוט אויפבויען יודישקייט. וויסן דעם חלק לשם שמים וואס ליגט אונטער דעם. וויסן איך האב א אחריות, עס קומט אריין צו מיר א כתה פון אזויפיל און אזויפיל בחורים, איך דארף זיך מתבונן זיין אויף יעדן בחור, ווי אזוי איך קען אים אויפשטעלן, אז ווען ער וועט ארויסגיין פון מיר, זאל ער זיין א אויפגעבויטער יונגערמאן. נישט נאר ער האט געגעבן דעם שיעור, נאר ווי אזוי בוי איך אויף ער זאל זיין שפעטער א ערליכער יוד, ער זאל זיין שפעטער א בן תורה. אריינלייגן אסאך מח אין יעדן בחור, יעדער בחור איז דאך אנדערש, און אויף יעדן איינעם קומט עס אויס אנדערש. אריינלייגן כחות ווי אזוי מען קען אויפהייבן די בחורים אז זיי זאלן זיין ערליך און וואויל און אזוי ווייטער.

**איך** מיין אז יעדער וואס איז דא, ווייסט זיין פליכט וואס ער האט, און מען דארף האבן א געוואלדיגע סיפוק, און צופרידנהייט, עס איז א עבודת הקודש. מען דארף זיין גליקליך אז מען שטעלט אויף א תלמיד, און יעדן בחור וואס מען האט ביי זיך אין

קלאס, דארף מען קוקן וואס מען קען פון אים ארויסברענגען דאס מערסטע, דעמאלטס איז מען מצליח.

**מען** זעהט די פאריגע וואך אין די פרשה (מו-כח), אז יעקב אבינו האט געשיקט יהודה אויף מצרים, לתקן לו בית תלמוד, ער זאל אים אויפשטעלן א בית תלמוד. דער מדרש (ב"ר צה-ב) שטעלט זיך שוין, פארוואס ער האט געשיקט פונקט יהודה. ראובן איז דאך געווען עלטער פון אים, פארוואס האט ער געשיקט יהודה זאל אים אויפשטעלן א בית תלמוד. פארוואס האט ער נישט געבעטן יוסף, אז ער אליין זאל אויפשטעלן א בית תלמוד. פארוואס האט ער געשיקט יהודה לתקן לו בית תלמוד.

**איך** האב געהערט פונעם **סאטמאר'ער רב זצ"ל** א ווערטל, אז יוסף האט געשיקט פארן פאטער את העגלות (מה-כז), ער האט אים געשיקט זאגן, אז ער האט געלערנט מיט אים די פרשה פון עגלה ערופה, און ער געדענקט נאך וואס ער האט געלערנט מיט אים (רש"י שם). האט ער געזאגט, ווען יעקב האט געזעהן, אז צוויי און צוואנציג יאר האלט נאך יוסף ביי די זעלבע סוגיא, קען ער נישט פירן קיין ישיבה, וועגן דעם דארף מען שיקן א אנדערן זאל אויפשטעלן דעם בית תלמוד. דאס איז א תירוץ נאר אויף יוסף. אויף יהודה שטייט, אז ער איז געווען א בעל אחריות, ווען יהודה האט זיך אריינגעלייגט אין א זאך, האט ער דאס גענומען מיטן גאנצן ערנסטקייט. ראובן האט אויך געזאגט פאר'ן יעקב, את שני בני תמית אם לא אביאנו אליך (מב-לז), טאמער איך ברענג דיר נישט בנימין. אבער יעקב האט אים אוועקגעמאכט, די ביזט נישט גוט. יהודה האט געזאגט, ער נעמט עס אויף זיך, אנכי אערבנו מידי תבקשנו וגו' וחטאתי לך כל הימים (מג-ט), ער איז גרייט צו פארלירן די וועלט און יענע וועלט, אויב ער גייט נישט צוריקברענגען בנימין.

**איך** האב אמאל געהערט פונעם **גערער רבי'ן זצ"ל**, האט ער געזאגט, ראובן האט זיך אויך אריינגעלייגט אין ערבות, את שני בני תמית, א מענטש געבעט נישט אויף קיין צוויי קינדער, און ראובן איז גרייט אוועקצוגעבן צוויי קינדער, אויב ער וועט נישט אויספירן וואס ער זאגט. נאר ער האט אזוי געזאגט, ראובן האט דאך געהאט פיר קינדער, צוויי איז ער געווען גרייט אוועקצוגעבן, אבער מיט א פשרה צוויי וועל איך האלטן ביי מיר, איך בין נישט גרייט אויפצוגעבן אלעס. יהודה האט אויפגעגעבן אלעס, איך געב אויף מיין וועלט, איך געב אויף עולם הבא, אנכי אערבנו מידי תבקשנו. איינער וואס איז גרייט זיך אוועקצוגעבן אינגאנצן, אוועקצוגעבן זיין עולם הזה און זיין עולם הבא, ער קען גיין אויפשטעלן א בית תלמוד.

**אז** מען האט א סיפוק אין די ארבעט וואס מען טוט, קומט עס נישט אן שווער, מען איז גרייט אוועקצוגעבן אלעס, איך וויל סוף יאר זעהן פירות, אז די תלמידים וואס קומען ארויס פון אונטער מיין האנט, זענען אויסגעוואקסען און אויסגעשטיגן, איך האב יעדן ארויפגעברענגט צו די העכסטע מדריגה וואס ער קען. פילן זיך גליקליך אין די עבודת הקודש, אזוי גייט מען צו אנדערש צו דאס וואס מען טוט.

**מען** האט גערעדט דא במשך פון די טעג דברים העומדים ברומו של עולם, יעדער איינער האט זיכער קונה געווען זאכן וואס מען לערנט זיך איינער פונעם צווייטן. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די וואס האבן עס מארגן געווען, וואס זיי האבן עס ארויסגעברענגט. און עס קומט זיך באמת א דאנק פאר אלע וואס זענען געקומען אנטייל נעמען, דאס ווייזט אויף די ערנסטקייט פון די עבודת הקודש וואס מען נעמט אויף זיך, מען איז גרייט אוועקצוגעבן געלט און צייט, זיך צו קענען לערנען צו פארבעסערן וואס מען טוט. איז אוודאי דא צו האפן אז כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקיים. דער אויבערשטער זאל געבן מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מערערע מאל אינאיינעם, ווייטער מטכס עצה זיין, וואס מען קען טון אין אזא שווערען זמן, אין אזא דור וואס מען לעבט היינט, וואס די סכנות פון אינדרויסן זענען געוואלדיג, און מען דארף האבן א חומה בצורה, אז עס זאל נישט אריינקומען אין די ווענט פון די ישיבה. די ישיבה איז די איינציגסטע פאנצער וואס מיר האבן נאך אקעגן די גאס.

**געדענקען** אז חז"ל זאגן ומחבירי יותר מרבותי, מען קומט אין א ישיבה, מען לערנט אסאך פון א רבי'ן, אבער בחורים לערנען אויך פון די חברים, **מען**

**לערנט מער פון א חבר וויפיל מען לערנט פונעם רבי'ן.** ווען א בחור איז מצליח, איז אמאל געווען אז ניינציג פראצענט האט ער געלערנט פון זיין רבי, און צען פראצענט האט ער קונה געווען פון די חברים. עס איז היינט אנדערש, מחבירי יותר מכולם, גוטע חברים האבן א געוואלדיגע השפעה ארום און ארום, וואס עס לאזט זיך גארנישט זאגן. אז מען איז ארומגענומען מיט גוטע חברים, דעמאלטס איז מען מצליח. און דאס דארף מען לייגן א דגוש אין ישיבה, אז עס זאל זיין סולת נקיה. **מען דארף נישט זיין קיין מצויין אין תורה, אבער מצויין אין ערליכקייט, אין יודישקייט, זאל ער זיין ערליך. אפילו א שוואכער בחור, אויב ער דאווענט ערליך, ער פירט זיך אויף ערליך, איז ער א פלא"ס פאר די כתה. און א בחור וואס איז א מצויין, אבער זיין הנהגה איז נישט ווי עס דארף צו זיין, האט מען גארנישט מרוויח געווען פון אים. מען פארלירט אסאך מער, פון וואס מען האט פארדינט פון דעם וואס ער האט געוויסע מעלות ביי זיך.** די חברים געבן א געוואלדיגע השפעה איינער אויפן צווייטן.

**עס** איז דא 'מחבירי', און עס איז דא 'מרבותי', און אמאל איז דער רבי אליין אויך דער חבר. מען דארף זיין א רבי פארן תלמיד, און מען דארף זיין א חבר פארן תלמיד, אזוי קען מען צוצועהן היינט די יונגווארג. אמאל ווען מען האט ארויסגעווארפן א קינד, האט זיך דאס קינד צוריק געבעטן, היינט בעט מען זיך נישט צוריק. ווארף מיך ארויס, עס איז זייער גוט אז איך בין אינדרויסן, איך האב וואס צו טון, איך קען אנקומען וואו איך וויל. מען דארף זייער אכט געבן היינט, נאר קירוב, נאנט צו ברענגען דעם בחור צו זיך, ער זאל נישט וועלן אוועקגיין, ער זאל נישט וועלן אנטלויפן, ער זאל זיך פילן גוט אויף דעם פלאץ וואו ער איז.

**אז** מען לייגט אריין א עבודה, איז זיכער אז מען איז מצליח. פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער אויך טון אין עבודת הקודש, קענען מחנך זיין יודישע דורות נאמנים לה' ולתורתו. און מיר זאלן אלע זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת ויחי***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **ירמי' מאיר פאגעל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם פוקס** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

כמו כן שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהודא הערשקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **ירמי' מאיר פאגעל**, ושל בן בן הר"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו, ורקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויחי***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ווידער שיחי' שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **אברהם ווידער** הי"ו).

*מתוך השיחה:*

**א' מהנוכחים: רבי משה'לע שינאוועס** האט געזאגט, ווען איך בין געווען א יונגעל, און מיין טאטע האט געפירט רבי'סטווע, האב איך געבארדעט אזוי ווי א יונגעל בארדעט, און מיין טאטע האט גארנישט געזאגט. ווען איך בין אויפגעוואקסען האב איך אים געפרעגט, איך פלעג בארדענען, און דו האסט מיר קיינמאל גארנישט געזאגט. האט דער **שינאוועס רב** געזאגט, א קינד טוט וואס דער טאטע טוט. ער זעהט וואס דער טאטע טוט, און דאס טוט ער דאס גאנצע לעבן. דאס איז די טבע פון א מענטש. אויב איך וואלט געווען פארנומען מיט אלע יונגלעך, קום אריין, קום ארויס, וואלסטו מיר נישט געזעהן דאווענען, וואלסטו נישט געקענט דאווענען. אזוי, ביסט געווען א יונגעל, האסט געבארדעט, דו האסט געזעהן דעם טאטן דאווענען, ווען דו וועסט אויפוואקסען וועסטו אויך דאווענען. - מען דארף וויסן ווי אזוי אויפצונעמען די זאך.

**רבינו:** איך פלעג אסאך מאל אויסצופראבירן מיין טאטן צו ער וועט מיך שיקן לערנען, צו נישט. ער האט מיך קיינמאל נישט געשיקט לערנען. ווען איך

פלעג אהיימקומען פון חדר וכדומה, האט ער מיך קיינמאל נישט געשיקט[א].

---

[א] נצטט מתוך שיחת **רבינו שליט"א** בעת ניחום אבלים על פטירת אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל** ביום ב' פרשת שלח תשע"ח לפ"ק:

**הרב חיים יהודה כ"ץ שליט"א (בן כ"ק הגה"צ אב"ד תו"א וומסב"ג זצ"ל):** דער טאטע האט געהאט זמנים וואס ער האט געשמועסט מיט די קינדער?

**רבינו:** ניין, עס איז געווען אזוי נאטורליך. עס איז נישט געווען ווי אזוי מען זעצט זיך אראפ שמועסן. עס איז געווען א נאטורליכע שטוב.

**א' מהנוכחים:** ער איז דאך געווען פארנומען מיט די האלבע שטאט, מיט די ברית'ן, און מיט פסקענען שאלות.

**רבינו:** עס איז נישט געווען אזא זאך, ווען א קינד אדער א אייניקעל איז אריינגעקומען, אז ער האט געזאגט, איך האב נישט קיין צייט יעצט. ווען א קליין קינד איז אריינגעקומען, האט ער געפרעגט, וואס מאכסטו, וואס טוסטו, פארציילט מיר עפעס.

ער האט אונז קיינמאל נישט געשיקט לערנען. ער האט קיינמאל נישט געזאגט, נו, פארוואס דרייסטו זיך ארום? אונז פלעגט מיר אסאך מאל אים אויספרובירן...

**הרב חיים יהודה:** נאר וואס דען?

**רבינו:** ער האט פארשטאנען, אז ווען איך וועל דארפן לערנען וועל איך לערנען. אז איך וועל אים זעהן לערנען, וועל איך אויך לערנען. נישט דאס זאגען, גיי גיי, דאס וועט עס מאכען. ער האט פארשטאנען אז ער דארף נישט זאגען, ווייל אדער וועט עס נישט העלפען, אדער וועט עס ממילא פאסירן. דאס זאגן וועט עס נישט מאכן.

**הרב חיים יהודה:** עס איז געווען א זאך וואס ער האט יא געזאגט? נאר דאס האט ער נישט געזאגט, אדער בכלל האט ער נישט געזאגט?

**רבינו:** אז מען האט געטון א זאך נישט גוט, האט ער געזאגט.

**א' מהנוכחים:** דער רב זאגט אלץ, אז א קינד דארף זיין באקוועם אין שטוב, עס זאל אים זיין געשמאק.

**רבינו:** ווען איך בין געווארן א רב, בין איך אזויפיל זאכען געווואר געווארן, וואס ביי אונז אין שטוב איז דאס נישט געווען. איך האב געמיינט אז אלע שטובער זענען אזוי ווי אונזער שטוב.

**א' מהנוכחים:** מען זאגט נאך, אז די טאטע האט עפעס געזאגט, אז ער האט געטון פארשידענע זאכן וועגן די חינוך פון די קינדער, וואס נאר דער אייבערשטער ווייסט.

**הרב חיים יהודא:** אזוי האב איך געהערט פון מיין טאטן ז"ל.

**רבינו:** איין מאל האט ער מיר געזאגט, אז א מענטש קען נישט האבן אלעס אויף דער וועלט. האט ער געזאגט, איך האב אלץ געבעטן פונעם רבונו של עולם, אז איך בין אויף אלעם מוותר, אבי איך זאל

**א' מהנוכחים:** איך האב אמאל געהערט פון איינעם וואס האט זיך אפגערעדט פאר א גרויסן בעל מחנך, אז די קינדער ווילן נישט מיטזינגען ניגונים ביי די סעודת שבת. האט אים יענער געזאגט, דו זינג ווייטער ניגונים, און ער וועט דיר שוין נאכטון.

**א' מהנוכחים:** חנוך לנער על פי דרכו (משלי כב-ו), ווי אזוי דער טאטע פירט זיך אויף, אזוי וואקסט אויף דער קינד.

**רבינו:** דער טאטע דארף וויסן קודם ביי זיך, אז מען וועט נאכקוקען זיינע מעשים, און מען וועט זיך אפלערנען דערפון.

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט אלץ זאגן, אז ער האט געלערנט מיטן רב אין נייטרא, און ווען עפעס איז אים שווער געווען, איז ער געגאנגען פרעגן, און מען האט אים נישט אזוי געענטפערט, אבער מיטן רב האט ער אלץ געוואוסט אז מען וועט ענטפערן, פאר אנדערע האט נישט אזוי געפאסט צו ענטפערן. - ער האט בר מצוה געהאט תשכ"ג.

**רבינו:** איך האב געלערנט דארט פון תשכ"ג ביז תשכ"ז. ער האט געלערנט אין חדר מיט מיין ברודער רבי שלמה זלמן זכרונו לברכה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של בן הר"ר **אביגדור משה מענדלאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב הערש אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל סעודת החתונה של ש"ב בת הרב **יהודא באדאנסקי** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א), עב"ג בן הרב **אברהם ישעי' פראנד** שליט"א, שהתקיים באולם אטריאם. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

---

האבן גוטע קינדער, עפעס אנדערש דארף אין נישט. ווען ער פלעגט האבן שווערע זמנים, פלעגט ער זאגן, איך האב עס מיר אליין געבעטן.

***יום חמישי פרשת ויחי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילאנד והשתתף אצל השבע ברכות של בת ש"ב הרב **יהודא באדאנסקי** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א), שהתקיים באולם ע"י בית המדרש גרויסווארדיין.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף שמואל קאהן** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הלויה של הר"ר **ישראל אליעזר וויינער** ע"ה, שהתקיים לפני בית מדרשנו הגדול, ונשא דברי הספד.

***וזה תוכן ההספד:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, יעקב האט געלעבט אין מצרים זיבעצן יאר, ויהי ימי יעקב שני חייו, שבע שנים וארבעים ומאת שנה (מז-כח), עס זענען געווען די טעג פון יעקב, די יארן וואס ער האט געלעבט, הונדערט זיבן און פערציג יאר. די מפרשים שטעלן זיך אויף די אריכות הלשון, ויהי ימי יעקב, די טעג פון יעקב, שני חייו, די יארן וואס ער האט געלעבט.

**עס** קען אפשר זיין. מען איז זיך צוזאמגעקומען זיך געזעגענען פון א אדם חשוב ביי אונז אין די קהלה, רבי ישראל אליעזר ז"ל. מען האט שוין פריער געהערט, מען דארף אים נישט פארשטעלן פארן ציבור וואס געפונט זיך דא. ער איז געווען א צדיק תמים, זיין ערליכקייט, זיין יראת שמים, זיין איבערגעגעבנקייט פאר תורה און פאר גמילת חסדים, א אויסנאם צווישן מענטשען, זיינע מדות טובות, מען האט אים קיינמאל נישט געזעהן זיך בייזערן, רעדן א הויך ווארט, אלעס איז געווען אזוי ווי עס פאסט זיך פאר א תלמיד חכם. זיין עשיית חסד וואס ער פלעגט צו טון פארן כלל, און פאר אונז בפרט, צוגעהאלפן ביי מיין טאטע ז"ל אין שטוב, די יארן וואס איז געווען שווער אין פרנסה, האט ער זייער אסאך געטון, און ער האט צוגעהאלפן פאר אונז אויך שפעטער. ווען אזא יוד גייט אוועק פון די וועלט, איז א געוואלדיגער פארלוסט פאר יעדן איינעם. דער פריערדיגער דור וואס איז אדורכגעגאנגען אזא מלחמה, ער איז געווען א יונגער בחור בשעת עס האט אויסגעבראכן די קריג, און פון דעסטוועגן דאך האט מען זיך נישט פארלוירן, מען איז געבליבן אן טאטע און מאמע, אן משפחה, מען האט געדארפט אוועקגיין פון איין מדינה צו די צווייטע מדינה, און חתונה האבן, און אויפשטעלן פון פריש א נייע שטוב, און מען האט נישט נאכגעלאזט פון דעם ערליכקייט וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן אין שטוב. מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס דאס מיינט אזא איבערגאנג. און אויפגעשטעלט פון ניי פרישע דורות פארן כלל ישראל.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז יעקב האט געזאגט פאר יוסף, בך יברך ישראל, אין דיר וועלן זיך יודען בענטשען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה (מח-כ), ווען זיי וועלן בענטשען א קינד וועלן זיי זאגען, דער באשעפער זאל דיר געבען, אז דו זאלסט זיין אזוי ווי אפרים און מנשה. וואס עפעס פונקט אפרים און מנשה, וואס איז שלעכט מיט יששכר און זבולון, אדער אלע אנדערע שבטי י-ה. וואס האט ער ארויסגענומען ישימך אלקים כאפרים וכמנשה.

**נאר** עס איז געווען א גרויסער חילוק צווישן אפרים און מנשה, און די איבריגע שבטים. די איבריגע שבטים זענען געזעסן אין ארץ הקודש, אויף די פלאץ וואו די אבות אברהם און יצחק זענען געווען, און אין שטוב פון יעקב. א שטוב וואס איז געווען ארומגענומען מיט קדושה, איז נישט קיין חידוש אז עס איז אויסגעוואקסען דארט אזא שטוב פון שבטי י-ה. עס וואלט געווען א חידוש, ווען מען זאל נישט אויסוואקסען אזוי ווי זיי. יוסף איז פארווארפען געווארן פונעם פאטער ביי די זיבעצן יאר, ער איז געווען אין מצרים, אין א ערות הארץ, און אדורכגעגאנגען אזויפיל שוועריקייטן, ביי פוטיפר אין שטוב, און אין בית הסוהר, און נאכדעם ווען עס האט זיך געטוישט די רעדל, און ער איז געווארן א משנה למלך, די נסיונות וואס ער האט געהאט, ווען ער איז געווען א משנה למלך אין אזא מדינה. און אין

דעם פלאץ האט ער זיך נישט פארלוירן, און ער איז געבליבן די זעלבע ווי די איבריגע שבטים. ער האט געדינט דעם אייבערשטען מיטן זעלבן אופן וואס ער האט געדינט דעם אייבערשטען פאר דעם. אין אזא מצרים האט ער אויפגעשטעלט א מנשה מיט א אפרים, אזעלכע הייליגע קינדער. צוויי יודישע נשמות, צווישן אזויפיל גוים. מען האט נישט געהאט מיט וועם זיך צו חבר'ן, און מען האט זיך ארומגעדרייט אין בית המלכות, און פון דעסטוועגן דאך זענען זיי געבליבן אזוי גרויס אין תורה און עבודת ה'. דאס וועלן זיך יודען בענטשען, בך יברך ישראל, אין דיר יוסף וועט מען זיך בענטשען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, אז מען זאל זוכה זיין אז מען זאל האבן אזעלכע קינדער אז וואו מען וועט זיין פארווארפען, וואו מען וועט אנקומען, פון דעסטוועגן דאך זאלן זיי זיין די זעלבע ווי מען וואלט וועמען אויפגעוואקסען ביי יעקב אין שטוב. דאס איז געווען א געוואלדיגע מדריגה, און אזוי וועט מען זיך וואונטשען, צו האבן אזעלכע קינדער.

**און** דאס איז געווען דער פריערדיגער דור. זיי זענען אדורכגעגאנגען די זעלבע שווערקייטן, פארווארפען געווארן פון די עלטערנס שטובער ווען מען איז נאך געווען יונג, און מען איז געגאנגען אויף א נייע מדינה, און מען האט געדארפט פון פריש אויפשטעלן ערליכקייט און יודישקייט. און מען האט זיך נישט מתרעם געווען, מען איז געווען אליין, מען האט גארנישט געהאט, בעירום ובחוסר כל, און מען האט אנגעהאלטען די תורה און די עבודה אזוי ווי עס איז געווען בימי קדם.

**יעקב** אבינו אליין איז אויך געווען אזוי. ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, זאגט דער **בעל הטורים**, אז די שענסטע יארן פון יעקב, איז געווען די לעצטע זיבעצן יאר, ווען ער האט געוואוינט אין מצרים. ער האט זיך נישט געפלאגט מיט די קינדער, זיי זענען שוין געווען ערצויגען, און ער האט געהאט פרנסה פון יוסף, עס האט אים גארנישט געפעלט אין מצרים. די איבריגע יארן איז יעקב אדורכגעגאנגען שווערע זמנים. פון ווען ער איז געבוירן געווארן, איז ער געווען א נרדף פון עשו, שפעטער ביי לבן אין שטוב, אין מדרש (פתיחתא איכה כד) שטייט, אז יעקב האט געזאגט אויף זיך, אז רוב ימיו איז אים אדורכגעגאנגען בצער גידול בנים.

יעקב אבינו האט געהאט צוויי ערליי זמנים אין זיין לעבן. שווערע זמנים, און גוטע זמנים. און עס האט נישט געטוישט דעם יעקב אבינו, ער איז געווען די זעלבע אין אלע צייטן. ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, זאגט דער **בעל הטורים**, דארט האט ער געלעבט, דארט איז ער געווען ברום המעלה, עס איז געווען זיינע שענסטע יארן, וואס ער האט געהאט אין מצרים. זאגט דער פסוק, אבער עס איז געווען ויהי ימי יעקב, אין ויהי אלא לשון צער (מגילה י:), די איבריגע טעג פון יעקב איז געווען ויהי ימי יעקב. 'שני חייו', ער האט געהאט צוויי סארט לעבענ'ס, און פון דעסטוועגן דאך זענען די הונדערט און זיבן און פערציג יאר געווען ביי אים די זעלבע, עס איז נישט קיין חילוק וואו מען איז געווען, אין וואס פאר א מצב ער איז געווען, אייביג האט מען געדינט דעם אייבערשטען.

**און** דאס איז געווען רבי ישראל אליעזר. ער איז געזעסן און געלערנט יעדע פרייע צייט וואס ער האט געהאט, ער איז געזעסן ביי אונזערע שיעורים יארן לאנג, מיטגעהאלטן אלע שיעורים וואס מען האט געלערנט אין בית המדרש, און האט קיינמאל נישט פארפעלט. וואו ער האט געקענט הערן א דבר תורה, איז דאס געווען ביי אים א געווינס, ער האט ארויסגעקוקט דערויף. וואו ער האט געקענט טון א דבר טוב פאר א צווייטן, האט ער עס געטון. און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, אז ער האט אויפגעשטעלט אזא שיינע יודישע שטוב, קינדער תלמידי חכמים וואס טוען באשיינען די עלטערן. עס איז תפארת אבותם בנים, דאס זענען די תפארת וואס מען האט זיך געפלאגט, דער אייבערשטער באצאלט ביי די דורות וואס מען האט אויפגעשטעלט. עס איז א געוואלדיגע פארלוסט וואס מיר פארלירן יעצט אין שול, כמעט פון די לעצטע זקנים וואס זענען געווען דא, וואס זענען געווען א מוסטער פאר דעם יונגערען דור, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, ווי אזוי מען דארף צו דאווענען, ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן בכלליות. זאל ער זיין א מליץ יושר פאר די גאנצע משפחה, און פאר אונז אלע, די גאנצע קהלה, ער זאל בעטן אויבן, עס איז א שווערער זמן וואס יודען גייען אדורך יעצט דא אין דעם גלות אמעריקא, סיי אין גשמיות, און סיי די גזירות אין רוחניות וואס איז דא, ער זאל זיין א מליץ יושר פאר גאנץ כלל ישראל. און מיר

זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, ובלע המות לנצח, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **מאיר שמואל גרין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת ויחי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל בני יששכר זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ח"י טבת). **רבינו שליט"א** בירך על הכוס.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **גבריאל טובל** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יקותיאל יהודה פאגעל** נ"ו (חתן הר"ר **אברהם פוקס** הי"ו), ושל החתן **מאיר גרין** נ"ו (חתן הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א).

במוצאי שבת התקיים המלוה מלכה לטובת מוסדותינו הק' בעיר וויליאמסבורג, העומדים לשם ולתפארת עם כאלף תלמידים ותלמידות המתחנכים בחינוך הסלולה לנו מרבותינו הק' מדור דור. המסיבה התקיימה ברוב פאר והדר באולם אימפיריעל, במקהלות עם רב, תלמידי וידידי קהלתנו ומוסדותינו הק', בראשות **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

בקשב רב נשמעו דברות קודש מאת **רבינו שליט"א** בעניני חינוך הבנים. ובגודל מעלת מדת הכרת הטוב, ובמיוחד להמוסדות הק' שמניחים היסוד לבנינו ולדורותינו שיתגדלו בדרך ישראל סבא.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן אלע חשוב'ע בעלי בתים וואס זענען געקומען מחזיק זיין די מוסדות דא אין וויליאמסבורג, די תלמוד תורה און די מיידל סקול. מען דארף נישט רעדן די שבחים פון די מוסדות, מען האט שוין פריער געהערט. על פי רוב, די וואס געפינען זיך דא, זענען אליין געווען אין די מוסדות, מען האט קינדער אין די מוסד, זיי ווייסן די געוואלדיגע כוחות וואס מען לייגט אריין אין ביידע מקומות, אויפצושטעלן א דור פון תלמידי חכמים, א דור פון יודישע מאמעס, ערליכע מאמעס, עס איז א געוואלדיגער זכות צו האבן א חלק אין מחזיק זיין תורה.

**איך** האב געזעהן שטיין, דוד המלך זאגט (תהלים מט-כא), אדם ביקר ולא יבין, נמשל כבהמות נדמו. די פשוטע פשט איז, 'אדם ביקר', א מענטש האט יקר, כבוד, ער האט רייכקייט, 'ולא יבין', און ער פארשטייט אסאך מאל נישט ווי אזוי אויסצונוצן לשם שמים וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, 'נמשל כבהמות נדמו', ער איז צוגעגליכן אזוי ווי א בהמה, וואס א בהמה קען נישט קיין סאך מבחין זיין צו פארשטיין, אזוי איז אסאך מאל דא א אדם, וואס איז נמשל כבהמה. עס קען אפשר זיין א נקודה דערין, וואס דאס מיינט אדם ביקר ולא יבין נמשל כבהמות נדמו.

**מען** געפונט די וואך אין די תורה, ווי יעקב אבינו האט געבענטשט יוסף מיט זיינע קינדער, המלאך הגואל אותי מכל רע, יברך את הנערים, ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק, וידגו, זיי זאלן זיין אזוי ווי פיש, לרוב בקרב הארץ (מח-טז). איך האב געזעהן שטיין א טייטש דערין. ווען א מענטש וויל נהנה זיין פון א בהמה, ער קויפט א שעפעלע, א קוה, ער טראגט עס צום שוחט זאל עס שחט'ן, און נאכדעם דארף ער עס צוגרייטן, ער זאל קענען עסן דערפון. גייט ער אדורך זייער אסאך פלאג, ביז ער קען זוכה זיין צו עסן די פלייש פון די בהמה. וויפיל מכשולות עס קען אלץ אריינקומען אונטערוועגנס, אז ער זאל נישט קענען נהנה זיין פון די בהמה וואס ער האט זיך צוגעגרייט הנאה האבן דערפון. ביז ער ברענגט די בהמה, ער שלעפט אים צום שוחט זאל אים שחט'ן. עס איז שוין אנגעקומען צום שוחט'ס האנט, דער שוחט שחט די בהמה, קען זיך מאכן אז עס ווערט טריפה. עס איז דא פארשידענע הלכות אין שחיטה. שהייה, דרסה, חלדה, הגרמה, און עיקור (חולין ט.). און מען דארף האבן סייעתא דשמיא אז נאך די שחיטה זאל די בהמה זיין כשר געשחט'ן. מען

האט שוין געשחט'ן די בהמה, איז מען נאכנישט פארטיג, מען קען נאך נישט עסן די פלייש דערפון, עס מוז אדורכגיין בדיקות, בדיקת פנים און בדיקת חוץ. און אויב דער שוחט זאגט אז עס איז טריפה, דארף מען עס פארקויפן פאר העלפט געלט פון וויפיל ער האט עס געקויפט. ווען עס איז אדורכגעגאנגען די צווייטע חלק אויך, ער האט עס געשחט'ן און ער האט עס בודק געווען, קען מען עס נאכנישט עסן, ביז מען זאלצט עס נישט אויס געהעריג. און עס מאכט זיך אסאך מאל שאלות אין הלכות מליחה. עס האט זיך אויסגעמישט א שטיקל פלייש וואס איז נישט כשר, און מען האט עס געזאלצן צוזאמען. ווען מען איז שוין זוכה און דאס גייט אויך אדורך, מען ברענגט עס אהיים, מען גייט עס קאכן, בטעות האט מען גענומען א מיליכיגע טעפל, און דארט האט מען אריינגעלייגט די פלייש, און מען האט עס אפגעקאכט. נישט נאר אז מען קען עס נישט עסן, מען קען עס אפילו נישט פארקויפן פאר א גוי, בשר בחלב איז אסור בהנאה (שו"ע יו"ד סימן פ"ז סימן א'). נאך די גאנצע פלאג, גייט עס צום סוף לאיבוד. וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן, ביז דער מאכל וואס ער האט געוואלט צוגרייטן צו עסן איז פארטיג, עס זאל נישט אריינקומען קיין מכשול אינדערמיט, מען זאל דאס קענען נוצן. דאס איז ביי פלייש פון א בהמה.

**ביי** פיש איז נישט אזוי, איינער האט גוטע פיש, און ער זעהט אז עס האט די כשרע סימנים דערויף, איז עס צוגעגרייט צו עסן. עס קען גארנישט פאסירן ביי די שחיטה, עס קען גארנישט פאסירן ביי די בדיקה, עס האט כשרע סימנים דערויף, איז עס צוגעגרייט צו עסן. ער דארף נישט קיין בדיקות, ער דארף נישט קיין מליחה דערויף, און אפילו אויב ער קאכט עס אין א מילכיגע טעפל, קען מען עס אויך נוצן. עס איז נישט דא קיין שום מכשולות, עס גייט אזוי גרינג אדורך פון ווען ער האט עס גענומען, ביז ער קען נהנה זיין דערפון.

**די** זעלבע איז מיט די קינדער וואס מען האט. יעדער האפט צו זעהן נחת ביי די קינדער, **וויפיל פלאג גייט אריין פון ווען דאס קינד איז געבוירן געווארן, ביז מען טרעפט א געהעריגע שידוך פאר'ן קינד, און מען מאכט חתונה דאס קינד. וויפיל שוועריגקייטן גייט מען אדורך, וואס מען דארף סייעתא דשמיא אויף יעדע שריט, ווען עס טוישט זיך פון איין סוג צו א צווייטע סוג, עס זאל נישט אריינקומען א זאך וואס זאל אים פסל'ן אינדערמיט.** אלע קינדער זענען קלוג, נארישע קינדער ווערן נישט געבוירן. יעדע מאמע זאגט אויף איר קינד, אז ער איז זייער קלוג. ווען ער קומט אין חדר אריין, ווערט מען געוואר אז ער איז נישט אזוי קלוג ווי מען האט אים געהאלטן אינדערהיים. ער איז נישט תופס די א' ב', עס קומט אהן שווער אז ער זאל דאס קענען פארשטיין. און אפילו ער קען שוין די א' ב', מאכט זיך אמאל וואס ער קען נישט שפעטער צוזאמשטעלן די אותיות צו ווערטער. ער קען שוין יא עברי, אמאל איז דא וואס ער הייבט אן צו לערנען אביסל מער, ער הייבט אן לערנען גמרא, מען דארף צושטעלן א קשיא מיט א תירוץ, און ער קען נישט. מען גייט אדורך אזוי ווי ביי א בהמה וואס קען קאליע ווערן אינדערמיט, גייט מען דאס אדורך ביי א לעבעדיגע קינד, כדי ער זאל קענען ארויסקומען א אדם כשר ווי עס דארף צו זיין.

**ער** איז שוין אדורך געגאנגען די יארן אין חדר, ער גייט שוין אין ישיבה. איין שלעכטע חבר וואס מען האט, דער באשעפער זאל אפהיטן, האט ער פארלוירן אלעס וואס ער האט זיך געפלאגט יארן לאנג. ווען ער גייט אדורך ישיבה קטנה מיט ישיבה גדולה, איז ער א אנדערער סארט בחור פון וואס ער איז געווען ביז יעצט. ער איז שוין אדורכגעגאנגען ישיבה גדולה, ער ווערט עלטער, הייבט ער שוין אן צו וויסן וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט. וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן, ביז מען איז זוכה אז דאס קינד זאל קענען חתונה האבן, און האבן ערליכע דורות.

**עס** איז אזוי ווי פלייש. עס איז דא אסאך ערליי מדריגות וואס עס דארף אדורכגיין, ביז עס קומט ארויס כשר. פיש איז נישט אזוי, פיש איינמאל מען האט עס אריינגעברענגט אין שטוב אריין, גייט אלעס אדורך רואיגערהייט און מען איז נהנה דערפון. יעקב אבינו האט אנגעוואונטשן, המלאך הגואל אותי מכל רע, יברך את הנערים, וידגו לרוב, זיי זאלן נישט זיין אזוי ווי פלייש, נאר אזוי ווי פיש. וואס אז עס האט כשרע סימנים, עס איז געבוירן אין א יודישע שטוב, זאל מען זיך קענען ווייטער פירן דערמיט, און קענען מצליח זיין.

**עס** זאגט זיך זייער גרינג, וידגו לרוב בקרב הארץ, עס גייט אבער שווער. יעדע טאטע און מאמע גייען אדורך שווערינקייטן ביז מען איז זוכה צו זעהן א קינד זאל וואקסן. **ווער גיט די כוחות, ווער גיט א שטופ אז דאס קינד זאל אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין. דאס איז די תלמוד תורה, די מלמדים וואס לערנען מיט די קינדער, און שפעטער אין די ישיבה, די מגידי שיעור, זיי טוען אויפבויען דאס קינד. עס לאזט זיך נישט זאגן וויפיל פלאג מלמדים לייגן אריין אין א קינד איבערן יאר, ביז דאס קינד טוט זיך שלייפן, און ער קומט ארויס א מצויין, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט דאס יאר.** ווען עס קומט א יאר שפעטער, הייבט זיך אן פרישע נסיונות, מען דארף פריש אנהייבן, און אזוי ווייטער. די קרעדיט קומט פאר דעם מלמד וואס לערנט מיט אים תורה, פאר די מגידי שיעור וואס געבן אוועק זייער צייט מחנך צו זיין די קינדער. **אבער זייער ווייניג זענען מכיר טובה פאר דעם מלמד און פאר דעם מגיד שיעור.** סוף כל סוף, עס איז ארויסגעקומען א געלונגענער בחור, געבן קרעדיט פאר די וואס האבן צוגעהאלפן דערצו, איז דא זייער ווייניג וואס טוען עס. געווענליך האלט מען פארקערט, מען האלט אז עס איז דא א וואויל יונגעל, עס קומט זיך עס זאל זיין אזוי. ווען עס איז דא א פראבלעם, דעמאלטס איז די ישיבה שולדיג, דער חדר איז שולדיג, זיי האבן געמאכט דעם פראבלעם.

**'אדם** ביקר', די טייערסטע זאך וואס א מענטש האט, זענען זיינע קינדער. ווען א מענטש האט א זון וואס איז ביי אים יקר, די טייערסטע זאך, אבער ולא יבין, ער פארשטייט נישט, אז נמשל כבהמות נדמו, ער איז נישט קיין פיש, ער איז אזוי ווי א בהמה. עס איז דא אסאך און אסאך זמנים וואס גייען אדורך, ביז ער קומט ארויס צו זיין אזוי ווי ער דארף צו זיין. און דאס איז 'ולא יבין', ער פארשטייט נישט. ער פארשטייט נישט אז עס קומט קרעדיט פאר דעם וואס האט צוגעהאלפן דערצו. נישט ווען עס איז נישט גוט, דעמאלטס קומט מען זיך אפרעדן אז דער מלמד איז שולדיג, די חדר איז שולדיג, די ישיבה איז שולדיג, וכדומה. עס פאלט אים נישט איין צו טראכטען, אז דאס קינד איז אזוי געבוירן געווארן. די שטוב איז שולדיג, מען האט נישט געקענט ארײנלייגן גענוג אינעם קינד, אז ער זאל קענען גיין אויף די ריכטיגע רעלסען, וועגן דעם איז ער אזוי אויסגעוואקסן.

**דאס** איז די חוב פון הכרת הטוב, וואס מען דארף וויסן. ווען דער אויבערשטער גיט, אז מען האט א קינד וואס איז מצליח, יעדער לויט זיין דרגא, וויפיל כחות מען לייגט אריין אין דעם, איז מען שולדיג א הכרת הטוב פאר די וואס טוען דאס. זיי האבן אהערגעשטעלט דאס קינד אז ער זאל קענען אויסוואקסען אזוי ווי ער איז אויסגעוואקסן.

*

**און** פאר דעם דארף מען אסאך מתפלל זיין, בעטן פונעם אויבערשטן ביי ברכת התורה, ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאאצינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה. יעדע תפלה איז עושה רושם, יעדע תפלה וואס א יוד דאוונט מאכט א רושם אויבן אין הימל. די גמרא (קידושין כט:) פארציילט, אז אביי איז געווען אין א בית המדרש אויסער די שטאט און געלערנט, און עס איז געווען א פלאץ וואס די מזיקים האבן זיך געדרייט דארטן, און די כח פון די מזיקים איז געווען אזוי שטארק, אז ווען עס זענען אריינגעקומען אין בית המדרש צוויי מענטשן, אפילו בייטאג, האבן זיי מזיק געווען. אמאל איז רב אחא בר יעקב געקומען אין די שטאט, האט אביי געבעטן פון די מענטשן פון די שטאט, אז מען זאל אים נישט געבן א פלאץ צו נעכטיגן, ער זאל מוזן נעכטיגן אין דעם בית המדרש, און ער וועט זיך שוין א עצה געבן מיט די מזיקין דארט. אזוי איז טאקע געווען, ער האט נישט קיין פלאץ וואו צו נעכטיגן, איז ער געגאנגען אין בית המדרש איבערנעכטיגן דארטן. ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש, באגעגענט איהם א מזיק, א נחש מיט זיבן קעפ, אים מזיק צו זיין, האט ער אנגעהויבן מתפלל זיין, ער האט אנגעהויבן זיך צו בוקן צום אייבערשטען, און ביי יעדע כריעה וואס ער האט זיך געבוקט פארן איבערשטען, האט ער אראפגעהאקט איין קאפ פון די מזיק, און אזוי האט ער מסלק געווען דעם מזיק. און פון דעמאלטס אן האט דער פלאץ נישט מזיק געווען. ער האט פארשטאנען אז מען האט אים אנגעשטעלט א שטיקל, כדי ער זאל דארט שלאפן. ווען ער איז אהיים געגאנגען, האט ער זיך אפגערעדט פארוואס מען האט דאס געטון, אז מען

האט אים געקענט ארייינברענגען אין א סכנה מיט דעם וואס מען האט אים דארט געלאזט שלאפן.

**שטעלט** זיך דער **מהרש"א**, ווי אזוי האט מען אים טאקע אריינגעלייגט אין א סכנה. און אז עס געשעהנט יא א נס, איז מען דאך מנכה מזכיותיו, פארוואס האט ער דאס געטון פאר רב אחא בר יעקב. זאגט דער הייליגער מהרש"א, אז זיי זענען געווען זיכער, אז רב אחא בר יעקב וועט מתפלל זיין תיכף ווען ער וועט זעהן אז עפעס איז נישט אין ארדענונג, און פועל'ן א זאך מיט תפלה, גייט נישט אריין בגדר נס. ווייל דער אויבערשטער האט אראפגעלייגט די וועלט, אז ווען מען בעהט, און מען איז מתפלל, ווערט מען געהאלפן. און דאס וואס עס שטייט (שבת לב.) העושין לו נס מנכין לו מזכיותיו, דאס איז אן תפלה, אבער תפלה איז אין די טבע אז עס זאל העלפן. און וועגן דעם האט מען איהם געלאזט אריינגיין אין א סכנה. עס קען זיין אז די ערשטע פאר מינוט, ביז ער איז מתפלל, וואלט געווען א סכנה, און אויף די פאר סעקונדעס האט ער געהאלטן אז זיין זכות וועט מגין זיין, אז עס וועט אים גארנישט פאסירן. דאס איז דער געוואלדיגער כח פון תפלה, ווייל בדרך הטבע האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט א זאך וואס מיטן שכל פארשטייט מען נישט, מען האט א כח פון תפלה, אז מען קען פועל'ן און אויפטון.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז יעקב אבינו האט אוועקגעגעבן שכם פאר יוסף. און ער האט אים געזאגט, איך געב דיר שכם אחד על אחיך, די שכר באקומסטו מער ווי די ברודערס. אשר לקחתי מיד האמורי, איך האב דאס צוגענומען פון אמורי, בחרבי ובקשתי, מיט מיין שווערד (מח-כב). יעקב אבינו האט נישט געהאט קיין שווערד, ווען ער האט געהרג'עט די שטאט שכם. רש"י טייטשט, אז בחרבי ובקשתי, גייט ארויף אויף תפלה, ער האט דאס איינגענומען מיט תפלה.

**איך** האב געזעהן שטייט לויט דעם **מהרש"א**, אז יעקב האט געזאגט פאר יוסף, איך געב דיך אוועק שכם. וואס האט ער זיך אויפגעטון אז ער גיט אים שכם, א זאך וואס ער האט איינגענומען נאר בדרך נס. עס איז מעשה נסים וואס איז געווען אין שכם, און פון מעשה נסים טאר מען נישט נהנה זיין. זאגט ער, אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי, איך האב עס איינגענומען מיט תפלה, און תפלה איז נישט קיין נס, מען קען נהנה זיין דערפון, ווייל דורך כח התפלה בין איך צוגעקומען דערצו.

**תפלה** איז א חרב און א קשת, ווען א מענטש האט א קשת, און ער נוצט דעם קשת, ער שיסט דערמיט, דער קשת טוט עפעס אויף, ערגעץ וועט ער אנקומען, דער פייל וועט געלונגען. אמאל אויפן ריכטיגען פלאץ, און אמאל אויף די נישט ריכטיגע פלאץ, אבער עס איז נישט מעגליך, אז מען שיסט מיט א קשת, אז עס זאל נישט אנקומען ערגעץ, און עפעס אויפטון דערמיט. די זעלבע איז תפלה, תפלה האט א כח, אז עס קומט אן.

**מען דארף מתפלל זיין פאר קינדער. וויפיל עלטערן זענען דא, וואס נעמען זיך צייט איינמאל אין טאג, ביי א שמונה עשרה, כאטש בעטן איין ווארט אז מיין קינד זאל מצליח זיין אין תורה. יעדער טאטע וויל, אין הארץ האט ער עס אינזין, אבער נעמען עקסטער צייט, ווען ער זאגט אלקי נצור צוגעבן א תפלה, מיין קינד איז שוואך, איך האב א פראבלעם מיט א קינד, מתפלל זיין דערויף. וויפיל צייט נעמט איין תפלה צו זאגען אין משך פונעם טאג פארן קינד. תפלה האט א געוואלדיגען כח, אלעס וואס מען איז זוכה, איז מען זוכה דורך כח התפלה. א יוד דארף מתפלל זיין מיט א חרב און א קשת, אז מען זאל קענען זעהן נחת ביי די קינדער.**

**און נישט נאר מתפלל זיין ווען ער האט שוין א שוואך קינד, וויפיל מער דארף מען מתפלל זיין, ווען דער אויבערשטער האט געהאלפן, אז דו האסט א געלונגען קינד, א קינד וואס איז מצליח, און וואו ער גייט, שטייגט ער, אז עס זאל זיך ח"ו נישט עפעס ארייינדרינגען אינמיטן, און זאל אים קאליע מאכן, ער זאל נישט פארלירן אזא חשוב קינד, וואס וואלט געקענט אזויפיל אויסוואקסן. וויפיל מער תפלות דארף מען מתפלל זיין, ווען מען האט א געלונגען קינד, און א גוט קינד, כדאי ער זאל קענען זעהן נחת פון אים.** וויפיל קינדער זענען דא וואס זענען געווען געלונגען, און די וועלט האט שפעטער נישט נהנה געווען פון זיי, מען האט גארנישט געהאט פון זיי. דאס איז אלעס אין דעם כח פון תפלה, אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי.

**נמשל** כבהמות נדמו, אזוי ווי ביי א בהמה קען מען נישט נהנה זיין דערפון תיכף, עס איז דא אסאך זמנים וואס עס דארף אדורכגיין ביז מען קומט אן הנאה צו האבן דערפון. אזוי דארף זיין 'ביקר', ביי די חשוב'סטע זאך וואס דער מענטש האט, וואס דאס זענען זיינע דורות. די תלמוד תורה, און די מיידל סקול, פראבירן אריינצולייגען דאס בעסטע וואס מען קען. **איך בין נאנט מיט ביידע פלעצער, סיי אין תלמוד תורה, סיי אין מיידל שולע, ווען עס איז דא א פראבלעם, קומט עס ארויף אויפן טיש, און מען שמועסט עס איבער, צו זעהן וואס מען קען טון. מען פראבירט אריינצולייגן אין יעדע קינד לפי ערכו, אז ער זאל קענען מצליח זיין, מען דארף האבן אמת'ע הכרת הטוב פאר א מוסד וואס מען האט די קינדער דארטן. מחזק זיין די מוסדות, ארויס העלפן די מוסדות וויפיל מען קען. און אפילו אין די מוסדות אליין, בכלליות ובפרטיות, דער מלמד, די מגידי שיעור, זיי לערנען מיט די קינדער, זיי טוען זיי אויפהייבן אז זיי זאלן מצליח זיין, קומט זיי א הכרת הטוב.**

**איך** וויל באדאנקען די חשובע הנהלה פון די תלמוד תורה, וואס געבן אוועק פון זייער צייט פאר אלעם וואס עס פעלט אויס פאר די תלמוד תורה. בעיקר וויל איך ארויסברענגען א דאנק פאר ר' שמואל דוד, פאר דעם וואס ער טוט פאר אונזערע מוסדות. נישט נאר די תלמוד תורה, נאר אויך די מיידל שולע, די ישיבה קטנה, די ישיבה גדולה, פרישע בנינים, איז עס פאר די מיידל סקול, און פאר די ישיבה גדולה וואס ער טוט. ר' יוסף לעפקאוויטש וואס העלפט אים צו דערצו, פארשאפן נדיבי לב זאל האבן א קשר און צוהעלפן דערצו. זאל זיי דער אויבערשטער בענטשן, זיי זאלן זעהן א סאך שמחות און נחת ביי זייערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען מתפלל זיין פאר די קינדער. א תפלה וואס איז יוצא מן הלב, ווערט אנגענומען אויבן אין הימל. דער אייבערשטער זאל געבן, אז אונז זאל אלע זאל מיר זעהן אסאך נחת דקדושה ביי די קינדער און אייניקלעך, מען זאל זיי קענען מחנך זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים, און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו גיין אקעגן משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

# פרשת שמות ט"ו - כ"א טבת תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמות***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קצ"ג סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ווען** יעקב אבינו איז אראפגעקומען קיין מצרים, האט אים פרעה געפרעגט, 'כמה ימי שני חייך', ווי אלט ביסטו. האט ער געענטפערט, הונדערט און דרייסיג יאר. און נאכדעם האט ער צוגעגעבן 'מעט ורעים היו ימי שני חיי', איך האב געהאט אין מיין לעבן וויניג טעג, און שלעכטע טעג, און איך האב נישט געהאט אזעלכע גוטע טעג, ווי מיינע עלטערן האבן געהאט (מז-ח). דער **דעת זקנים מבעלי תוספות** ברענגט צו א מדרש, אז דער אייבערשטער האט זיך אפגערעדט אויף יעקב אבינו, איך האב דיר מציל געווען פון עשו, איך האב דיר מציל געווען פון לבן, איך האב דיר צוריקגעגעבן דינה, איך האב דיר צוריקגעגעבן יוסף, און אזוי רעדסטו דיך אפ פאר דעם גוי, אז מעט ורעים היו ימי שני חיי, אז דו האסט געהאט שלעכטע טעג?! חייך, פאר יעדע ווארט וואס דו האסט געזאגט, גיי איך אראפרעכענען פון דיין לעבן א יאר. עס איז דא דריי און דרייסיג ווערטער אין די צוויי פסוקים, און מען האט אראפגערעכנט דריי און דרייסיג יאר פון זיין לעבן. אלע אבות וואלטן געדארפט צו לעבן הונדערט און אכציג יאר, אברהם האט געלעבט נאר הונדערט פינף און זיבעציג, ווייל עשו האט אים אראפגענומען פינף יאר. יצחק האט געלעבט הונדערט און אכציג יאר, און יעקב האט נאר געלעבט הונדערט זיבן און פערציג יאר. עס פעלט נאך אויס דריי און דרייסיג יאר, צו די מספר פון הונדערט אכציג יאר וואס יצחק האט געלעבט. און מען האט אראפגענומען דריי און דרייסיג יאר, וועגן דעם שמועס וואס ער האט געהאט מיט פרעה.

**עס** איז א געוואלדיגער מוסר השכל, ווי אזוי א מענטש טאר זיך נישט אפרעדן. פאר דריי מינוט רעדן, ווי לאנג עס האט גענומען צו זאגן די פאר ווערטער, האט ער פארלוירן כמעט א פינפטל פון זיין לעבן. מען האט צוגענומען דריי און דרייסיג יאר פון זיין לעבן, וואס ער וואלט געקענט דינען דעם אייבערשטען, ווייל ער האט זיך אפגערעדט מעט ורעים היו ימי שני חיי.

**דוד** המלך האט אויך געהאט שווערע יארן. ער איז געווען א נרדף ביי ישי, און שפעטער ביי שאול, און נאכדעם ביי זיין זון אבשלום. ווען מען קוקט אדורך די לעבנס ביאגראפיע פון דוד, זעהט מען וואס ער האט אלץ מיטגעמאכט אין זיין לעבן. כמעט אזוי ווי יעקב אבינו. דוד המלך זאגט אין תהלים (קיט-יז), גמול על עבדך אחיה, ואשמרה דבריך, גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך. זאגט דוד המלך, 'גמול על עבדך אחיה', דו זאלסט האבן רחמנות אויף מיר, דו זאלסט מיר געבן לעבן, איך זאל זיך נישט אמאל פארעדן מיט א ווארט, וואס וועט מיר צונעמען מיין לעבן. 'ואשמרה דבריך', איך זאל מיך קענען אפהיטן די רייד וואס איך זאג פאר דיר, אז עס זאל נישט ארויסקומען אזוי ווי ביי יעקב אבינו. פארוואס בעהט איך דערויף, ווייל 'ג"ל עיני', איך לייג מיינע אויגן אויף 'גל', די דריי און דרייסיג ווערטער וואס יעקב אבינו האט גערעדט, און מען האט צוגענומען דריי און דרייסיג יאר פון זיין לעבן, 'ואביטה נפלאות מתורתך', איך קוק די נפלאות וואס מען זעהט אין די תורה. עס שטימט פונקטליך, מען האט אים צוגענומען אזויפיל יארן, וויפיל די ווערטער וואס ער האט געזאגט. און א מענטש פארערעדט זיך אמאל, און ער זאגט, מעט ורעים היו ימי שני חיי. בעהט איך דיר, גמול על עבדך אחיה, ואשמרה דבריך, איך זאל זיך קענען אפהיטן.

**עס** איז דא א ווארט פון די בעלי מוסר, איך מיין אז עס שטייט פון **רבי חיים שמואלביץ זצ"ל**, האט ער געזאגט, מען האט אראפגערעכנט פאר יעקב דריי און דרייסיג יאר. די חשבון פון דריי און דרייסיג איז, פון די שאלה וואס פרעה האט געפרעגט, ויאמר פרעה אל יעקב כמה ימי שני חייך, ביז נאך די תשובה וואס יעקב האט געענטפערט, צוזאמען איז דא דריי און דרייסיג ווערטער. דאס איז טייטש, אז די דריי און דרייסיג ווערטער זענען כולל די שאלה וואס פרעה האט געפרעגט, און די תשובה וואס יעקב האט געענטפערט. מילא די תשובה וואס יעקב

האט געענטפערט, מעט ורעים היו ימי שני חיי, איז געווען א חשבון אז לויט די גרויסע מדריגה פון יעקב, וואס מען האט זיך פאררעכנט מיט אים. אבער אויף די שאלה וואס פרעה פרעגט אים, כמה ימי שני חייך, פארוואס האט מען אראפגערעכנט? ער איז שולדיג אויף דעם וואס פרעה האט אים געפרעגט כמה ימי שני חייך?

**האט** ער געזאגט, אז דער פשט דערפון איז, איז דען די סדר אז מען פרעגט א מענטש כמה ימי שני חייך, וואו אלט ביסטו. נאר אויף יעקב האט זיך דערקענט א געוואלדיגע צובראכענקייט, ער האט אויסגעקוקט ווי א יוד פון צוויי הונדערט יאר. וואס ער האט אלץ מיטגעמאכט די אלע יארן פון זיין לעבן, האט זיך דערקענט אויף אים אז ער איז געווען שלא בערך פון די יארן וואס ער האט אויסגעזעהן. פון די אנדערע זייט, ער האט אנגעקוקט די קינדער פון יעקב, ער האט נאך געהאט יונגע קינדער. לגבי די יארן פון יעקב זענען זיינע קינדער געווען זייער יונג פאר אים. עס איז געווען אזוי ווי א סתירה די טאטע מיט די קינדער. די טאטע זעהט אויס אזוי אלט, און די קינדער זענען נאך יונג. האט ער געפרעגט כמה ימי שני חייך, ווי אלט ביסטו. זאגט ער אים, איך בין נישט אזוי אלט, איך בין נאר הונדערט און דרייסיג יאר, און דאס וואס איך זעה אויס אזוי שלעכט, איז ווייל מעט ורעים היו ימי שני חיי, די פראבלעמען האבן מיר אלט געמאכט.

**האט** רבי חיים שמואלביץ געזאגט, קומט אויס אז די גאנצע שאלה פארוואס מען האט אים געפרעגט כמה ימי שני חייך איז נאר געווען, ווייל יעקב אבינו איז געווען אזוי צובראכן, עס איז געלעגן אויף זיין פנים אזא זקנה, וואס דאס האט גורם געווען די שאלה. א יוד דארף מקבל זיין אלעס מיט א אהבה און א שמחה, אז מען זאל אפילו נישט דערקענען אויפן פנים וואס ער גייט אדורך. נישט נאר ער זאל עס מקבל זיין, און ער זאל נישט זאגן מעט ורעים היו ימי שני חיי, נאר אז מען קען דיר פרעגן כמה ימי שני חייך, איז טייטש, אז מען דערקענט אויף דיר, אז דו ביסט א מיטגעמאכטער מענטש, איז ער נענש געווארן אויף דעם אויך. א מענטש דארף זיין אזוי אויסגעארבעט, אז נישט נאר ער זאל זיך נישט מתרעם זיין אויפן אייבערשטען, און ער זאל נישט זאגן מעט ורעים היו ימי שני חיי, נאר עס דארף זיין, אז מען זאל נישט דערקענען אויף אים אז ער האט אין זיך א צובראכענקייט, אז מען זאל אים דארפן פרעגן, רבי יוד, ווי אלט ביסטו, אזוי אלט קוקסטו אויס.

**האט** דוד המלך געזאגט (תהלים ו-א), למנצח בנגינות על השמינית, מזמור לדוד, ה' אל באפך תוכיחני וגו', חנני ה' כי אמלל אני, רפאני ה' כי נבהלו עצמי. די שאלה וואס פרעה האט געפרעגט יעקב, איז געווען אכט ווערטער. די תשובה איז געווען, פינעף און צוואנציג ווערטער. אז מען זעהט אז יעקב איז נענש געווארן נישט נאר אויף די פינעף און צוואנציג ווערטער וואס ער האט זיך אפגערעדט מעט ורעים, נאר ער איז אויך נענש געווארן אויף די אכט ווערטער וואס מען פרעגט אים נאר כמה ימי שני חייך, זעהט מען דאך ווי ווייט דער דקדוק הדין איז אויבן, אז א מענטש טאר אפילו נישט אזוי אויסזעהן, אז מען זאל אים פרעגן ווי אלט ער איז. למנצח בנגינות על השמינית, ווען מען איז זיך מתבונן אויף די שמינית, אז וועגן די אכט ווערטער וואס פרעה האט געפרעגט, האט יעקב אבינו פארלוירן אכט יאר פון זיין לעבן. זאגט ער אויף זיך, חנני ה' כי אמלל אני, איך בין דאך אויך צובראכן. כי נבהלו עצמי וכו', ונפשי נבהלה מאוד, ווי אזוי איך זעה אויס. און איך בין צובראכן, וועל איך דאך אפגעבן דין וחשבון פארוואס איך זעה אזוי אויס. למנצח על השמינית, דאס וואס מען לערנט זיך אראפ פון די שמינית וואס איז דא ביי יעקב, דאס האט אים צוגעברענגט צו בעטן, אז ה' אל באפך תוכיחני, ואל בחמתך תיסרני.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **חיים ראובן** (ב"ר אהרן) **בויער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם צבי בערגער** הי"ו, שהתקיים באולם מחזיקי.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ רבי יעקב שלמה קלוגהויפט שליט"א** האדמו"ר מסטרעליסק, שישב שבעה על פטירת אשתו הרבנית ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **חיים הערש שווארטץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם הערש טעללער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***יום שני פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית התקיים אצל **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יהודא פירטה** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום הש"ס על ידי הרב **חיים יעקב טענענבוים** שליט"א, שהתקיים בבית חתנו הר"ר **נחמן טויבער** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א שמחה אנטייל צונעמען ביי די סעודה, וואו אב ובנים האבן מסיים געווען ש"ס. עס קומט נישט אן גרינג, עס ליגט אסאך עמל התורה און יגיעת התורה פון אזויפיל יארן, טאג נאך טאג, ביז מען קומט אן. געווענליך איינער וואס איז באהלה של תורה, און ער איז מסיים ש"ס, נו, קומט זיך נאר פעטש פאר דעם וואס איז נישט מסיים. אבער ווען איינער איז א זבולון, וואס איז עוסק אין פרנסה, און פון דעסטוועגן דאך רייסט מען אראפ פון די צייט כדי מסיים צו זיין ש"ס, האט עס א געוואלדיגע חשיבות.

**עס** שטייט אין פסוק (בראשית מט-יג) זבולון לחוף ימים ישכון, פאר זבולון האט דער אייבערשטער געגעבן זיין חלק לחוף ימים. ים ווייזט אויף תורה, אין מים אלא תורה (בבא קמא יז.), רחבה מני ים (איוב יא-ט). זבולון ווערט מיינען אז ער איז יוצא זיין חלק אין תורה מיט דעם וואס ער איז מחזיק דעם יששכר, האט דער אייבערשטער געשטעלט דעם זבולון לחוף ימים, ער דארף טאקע ארויסהעלפן פאר תורה, אבער דו דארפסט אויך זיין לחוף ימים, דו דארפט אויך זיין ביי די בארטן פונעם ים. אפילו דו ביסט עוסק אין פרנסה, דארפסטו גיין אויפן וואסער פון איין פלאץ צו די אנדערע פלאץ, כדי עוסק צו זיין אין תורה.

*

**איך** האב געזעהן די וואך, אז א יוד איז אריינגעקומען צום **אמרי אמת**, און ער האט אים געזאגט, אז ער האט געזעהן א שטיקל טעות אין **שפת אמת** אין פרשת ויחי. דער **שפת אמת** ברענגט צו, אז אשר איז דער לעצטער פון די שבטים, און זיין נחלה איז געווען לחוף ימים, און ער זאגט א ביאור דערין. האט דער יוד געזאגט פארן **אמרי אמת**, אז אין חומש שטייט, אז זבולון איז געווען לחוף ימים, נישט אשר. כאילו ער האט זיך טועה געווען צווישן זבולון און אשר.

**דער שפת אמת** מאכט נישט אזעלכע טעותים, פון זבולון לחוף ימים, אויף אשר לחוף ימים. האט אים דער **אמרי אמת** געזאגט, אז עס איז נישט א טעות, ווייל אשר איז אויך געווען לחוף ימים. ווען מען קוקט אריין אין די שירה פון דבורה (שופטים ה-יז), איז אויסגערעכנט דארט, אז אשר איז געווען לחוף ימים. ער האט נישט געמיינט די פסוק פון זבולון לחוף ימים, ער האט געמיינט דעם פסוק אין שופטים, אז אשר איז לחוף ימים.

**און** דער **אמרי אמת** האט צוגעגעבן א דבר נפלא, אז די גמרא (פסחים ד.) זאגט, אז עס איז געווען איינער וואס האט אלץ געזאגט דונו דיני. ווען ער האט געהאט א סכסוך מיט איינעם, האט ער געזאגט לאמיר גיין צום דיין. האט מען געזאגט, שמע מינה מדן קאתי, ווייל דן ידין עמו (בראשית מט-טז). עס איז געווען איינער וואס האט געזאגט, ווען איך זאל האבן געלט צו בויען א פאלאץ, וואלט איך עס געבויט ביים ים. האט מען געזאגט, אז ער שטאמט פון זבולון. די לשון אין די גמרא איז, בדקו, מען האט בודק געווען פון וואו ער שטאמט, ואשכחוהו דמזבולון קאתי, און מען האט געזעהן אז ער קומט פון זבולון, און זבולון איז לחוף ימים ישכון, וועגן דעם האט ער געזאגט, אז ער וויל בוען זיין הויז נעבן דעם ים.

**האט** זיך דער אמרי אמת געשטעלט אויף א דיוק, פריער ביי דן שטייט, 'שמע מינה' מדן קאתי, און דא שטייט, 'בדקוהו' אז ער קומט פון זבולון. פארוואס זאגט ער נישט, 'שמע מינה', וואס איז דער 'בדקוהו'. זאגט ער, ווייל ביי די חוף ימים איז נישט נאר געווען זבולון, נאר אשר איז אויך לחוף ימים. קומט אויס, אז מען האט געהאט א ספק פון וועם ער שטאמט, צו פון אשר, צו פון זבולון. וועגן דעם בדקוהו, האט מען אים בודק געווען, און מען האט געזעהן אז ער קומט פון זבולון.

**אין** פשטות לערנט מען, אז דער האט געשטאמט פון שבט דן, און דער האט געשטאמט פון שבט זבולון. עס איז ניתן להאמר, אז עס מיינט נישט דווקא פון וועלכען שבט ער שטאמט, נאר יעדער יוד האט א אות אין די תורה, און וואו דער אות אין די תורה איז, פון דארט איז ער יונק. איינער וואס זיין אות אין די תורה איז אין פסוק דן ידין, אפילו ער שטאמט נישט פון שבט דן, האט ער א נטיה צו דין. ווען איינער איז זיין שורש אינעם פסוק פון לחוף ימים, דער האט א נטיה צו חוף ימים. עס איז נישט קיין הכרח אז עס מיינט אז ער שטאמט פון דעם שבט, נאר זיין שורש איז פון די פסוקים. עד כאן האב איך געזעהן פונעם אמרי אמת.

**איך** האב געטראכט, די גמרא (מגילה ו.), זאגט, אז זבולון האט זיך אפגערעדט פארן אייבערשטען אויף זיין נחלה וואס מען האט אים געגעבן, אז עס איז לחוף ימים, ווייל נפתלי על מרומי שדה (שופטים ה-יח), נפתלי האט פעלדער, און איך האב נישט קיין פעלדער, נאר הרים וגבעות, מיט ימים, ער איז נישט געווען צופרידען מיט די נחלה וואס ער האט באקומען. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז אין די ים איז דא חלזון, און פון דעם וועסטו קענען מאכען אסאך געלט. דו וועסט מאכען אזויפיל געשעפטען וויפיל יענער מאכט פונעם שדה. און זבולון האט זיך געדינגען דערויף, אז די חלזון קען מען פאנגען אן דעם וואס מען זאל אים באצאלען דערפאר, און ער וועט גארנישט האבען פון די חלזון וואס איז דא דארט. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז די וואס וועלן נעמען און נישט באצאלען, וועט נישט געלונגען די תכלת. האט ער זיך בארואיגט.

**עס** שטייט אין **מהרש"א** (שם), אז פון רש"י (דברים לג-יט) איז משמע, אז שפוני טמוני חול, איז נישט נאר געווען אין די נחלה פון זבולון, נאר די נחלה פון יששכר איז אויך געווען דארט. אויב אזוי, פארוואס האט זיך נאר זבולון אפגערעדט, די נחלה פון יששכר איז געווען אויף די זעלבע פלאץ ווי זבולון. זאגט דער הייליגער מהרש"א, יששכר זיצט און לערנט, ער רעדט זיך נישט אפ. א ביזנעסמאן רעדט זיך אפ. יששכר איז עוסק בתורה, ער האט די זעלבע נחלה ווי זבולון, אבער ער רעדט זיך נישט אפ, ער איז מקבל. דאס האט דער אייבערשטער געגעבן, נעמט ער עס אן מיט א שמחה. עד כאן שטייט אין מהרש"א.

**איך** האב געטראכט, לויט דעם קומט אויס, אז נישט נאר זבולון האט געהאט א פלאץ לחוף ימים, נאר אשר האט אויך געהאט א פלאץ לחוף ימים, און פארוואס האט זיך אשר נישט אפגערעדט. זבולון רעדט זיך אפ. יששכר רעדט זיך נישט אפ, ווייל ער לערנט תורה. און וואס איז מיט אשר? אין פשטות, ווייל אשר האט נישט געהאט אזוי סאך אויף וואס זיך אפצורעדן, ער האט טאקע געהאט חוף ימים, אבער ער האט אויך געהאט פעלדער, איז ממילא אפילו ער האט נישט באקומען אלעס פעלדער, ער האט באקומען א חלק פונעם ים. אבער זבולון האט באקומען נאר לחוף ימים, וועגן דעם האט ער זיך מער אפגערעדט.

**עס** קען זיין, אז אשר האט זיך אויך נישט אפגערעדט, אזוי ווי עס איז געווען וטובל בשמן רגלו (דברים לג-כד), שמן ברענגט חכמה. און נישט נאר עס ברענגט חכמה, נאר די גמרא (הוריות יג:) זאגט, אפילו מען האט פארגעסן תורה של שבעים שנה, עס איז געווען שכחת התורה, מיט שמן ברענגט מען עס צוריק. קומט אויס אז אשר איז געווען געבענטשט מיט חכמה, און געבענטשט מיט תורה, ווייל וואס זיי האבן געלערנט האבן זיי נישט פארגעסן. און אפילו וואס מען האט יא פארגעסן, האט עס שמן צוריקגעברענגט. - עס קען זיין אז וועגן דעם איז ברוך מבנים אשר (דברים שם), אשר איז געווען געבענטשט מיט בנים, ווייל די בנים פון אשר האבן געקענט לערנען, און זיי האבן נישט פארגעסן וואס זיי האבן געלערנט. זיי האבן געהאט שמן, וואס שמן האט צוריקגעברענגט אפילו מען האט פארגעסן.

**איינער** וואס האט חכמה, דער רעדט זיך אויך נישט אפ, ווייל ער האט דאך חכמת התורה אויך, און ער ווייסט אז אלעס איז מן השמים, ווי אזוי דער אייבערשטער פירט, איז ער צופרידן. א נער וואס מיינט אז ער פירט די וועלט, רעדט זיך אפ פארוואס עס איז אזוי, פארוואס איז נישט אזוי. א חכם וואס ווייסט אז ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, דער אייבערשטער האט אים געגעבן זיין שליחות, דער דארף זיין לחוף ימים, און דער דארף זיין אויף מרומי שדה, און דער דארף זיין טובל בשמן רגלו, איז ער מקבל אלעס אזוי ווי דער אייבערשטער האט עס געגעבן. - זבולון האט זיך אפגערעדט, יששכר רעדט זיך נישט אפ ווייל ער איז דער עמוד התורה. און

אשר רעדט זיך אויך נישט אפ, ווייל ער האט חכמה. און וואו עס איז דא חכמה איז דא חכמת התורה, האט ער זיך אויך נישט אפגערעדט.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **טובי' פרענקל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אליעזר גרינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית התקיים אצל **רבינו שליט"א** האפשערן של בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו בוויליאמסבורג.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הקבלת פנים של החתן **משה יעקב** ני"ו, בן הר"ר **יקותיאל יודא פשערהאפער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישראל ארי' גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם לעגעסי.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **משה יוסף גלויבער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק אלי' גרוסמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי יעקב דוב טייטלבוים שליט"א** אב"ד סיגוט ב"פ (בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יקותיאל יהודא וואגשאהל שליט"א** אב"ד זרע קודש קאלאשיץ, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש ושימש במוהלות אצל הברית של בן הרב **יוסף שלום כ"ץ** שליט"א (בן הרה"ג רבי יונתן בנימין כ"ץ שליט"א אב"ד פאלטישאן), שהתקיים בבית המדרש פאלטישאן.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר כך ביקור **רבינו שליט"א** יחד עם חברי הנהלת הישיבה, אצל הבנין ושטח החדש של הישיבה גדולה, ההולך ונבנה ברחוב גלענוואד (איסט פלעטבוש). **רבינו שליט"א** סייר בתוך הבנין העומד לשמש עבור הדארמיטארי לבחורי הישיבה, ופניו קרנו הוד בראותו מלאכת העבודה בחפירת הבנין החדש ובור המקוה שחפרו שם בשטח הגדול הסמוך, אשר עליו יקימו ההיכל הגדול להרבצת תורה ותפלה ויראת שמים לבחורי חמד. **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו להעסקנים הדגולים שיהי' שתשרה שכינה במעשה ידיהם מתוך ברכה והצלחה, לראות הבנין על תילה בנויה לשם ולתפארת.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ישראל באדאנסקי** הי"ו, שהתקיים באולם לא שאטוי.

*

***ערב שבת קודש פרשת שמות***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ישראל באדאנסקי** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **מרדכי דוד ראענבערג** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להרי הקעטסקילס לשהות ב'שבת התוועדות' ביחד עם בחורי ישיבתנו הק' בשאלעי האטעל (וואודבארן).

*

***שבת קודש פרשת שמות***

לתפלת מנחה בערב שב"ק עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה. אחר תפלת מנחה נשא דברים **הרה"ג רבי מענדל פרענקל שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק') בדברי פתיחה בגודל מעלת השבת מרוממת כזו, וראוי לכל אחד לנצל השעות הנעלים של יום השבת כראוי. לתפלת קבלת שבת עבר לפני התיבה הבחור **עמרם האפפמאנן** נ"ו.

בסיום התפלה אחר אמירת גוט שבת, נכנס **רבינו שליט"א** לערוך את שולחנו יחד עם תלמידי הישיבה, שעברה ברוב התרוממות הנפש, באמירת דברי תורה ובניגוני שיר ושבח ליום השבת. – בעת הסעודה נשמעו דברי תורה מאת הבחור **משה עזריאל גרינצווייג** נ"ו, וכמו כן השמיע דברים בנעימים **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מנהל רוחני דישיבתנו הק'.

במשך הסעודה והבאטע השמיע **רבינו שליט"א** שיחות קודש בדברי מוסר וחסידות מפי ספרים וסופרים בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'). - אחר הבאטע התאספו הבחורים כל כתה וכתה עם המגידי שיעור שלהם, והמשיכו בדברי תורה ובמזמור שיר לכבוד יום השבת.

ביום השבת עבר לפני התיבה לפסוקי דזמרה הבחור **יצחק מרדכי פאללאק** נ"ו. ולתפלת שחרית ניגש הרב **יוסף יהושע פליישמאן** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק'). תפלת מוסף התפלל לפני התיבה הבחור **משה הלל איידליס** נ"ו.

בסעודתא דעתיקא קדישא בצוותא חדא עם **רבינו שליט"א** דרש הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**. אחר כך נתכבד הבחור **עמרם האפפמאנן** נ"ו באמירת דברי תורה. בברכת המזון נתכבד הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**.

לעת נטו צללי ערב הסיבו תלמידי הישיבה לסעודת רעוא דרעוין שנערכה בהתעוררות רב בחשיכה כאורה, באמירת דברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה ומוסר לתלמידיו הנאמנים לנצל את ימי השובבי"ם, שיהיה לו רק שאיפה אחת לעבוד את ה', ולוותר על רצונותיו הגשמיים, וללמוד שעות רצופות בלי הפסק. ולדבק עצמו עם חברותא טובה, שגורמת להתעלות האדם.

כשעה אחר הבדלה נכנס **רבינו שליט"א** לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת התקיים סיום למסכת קידושין, והרב **מענדל פרענקל שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים. בברכת המזון נתכבד הרב רבי **פישל לעווי** שליט"א מנהל הישיבה. אחר כך עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות.